צווייטער

שוארצ-בוך

די ליידען פון מיין פאלק.

לאדז   תרע״ז

402

צום אנדענקען:

פאר א דור, וואָס איז אוועק אין צער,
פאר יודען גרויסע און ליכטיגע קדושים;
אויף הרוב געוואָרענע קהלות,
געפייניגטע שוועסטערן און מגורשים...

DAS SCHWARZBUCH Von ZWI COHN.
Zweite Auflage. Alle Rechte vorbehalten.
Geprüft und freigegeben dnrch die K. D. Presseabteilung Lodz, 1916, D. Nr. 718.
Druck des „Lodzer Volksblatt", Lodz, 1917.

* * *

עס איז דא א „שווארץ-בוך" אין הימעל: א דורי-דורות „שווארץ-בוך", וואו עס ווערט פערשריבען מיט שווארץ פייער, אויף לוחות פון אונטער'ן כסא הכבוד, די צרות פון די יודען. אין דעם געשטאלט האב איך מיינס געשאפען, פון דארט האב איך א טייל פון די צרות פון די יודען אין דער לעצטער טרויריגער תקופה ארויסגענומען; זיינע בלעטלעך צו יענע בעהאפטען; מיין טרעהר צום טרעהרען-בוך פעראייניגט; דעם טיפען וועה מיט יענע אויס-געמישט, און די פעדער אין בלוט פון הארץ געטונקען — אזוי איז ענטשטאנען דאס ווערק...

---

* * *

נישט דאס „שווארץ-בוך" דארף א פארעדע, איך, דער אויטאר דארף זי. איך וויל דא-זאגען א פאר ווערטער, בנוגע דעם בוך.

די אומגליקען און צרות, מצד דעם רוסישען חיל, וואס זענען אויף אונזער פאלק געקומען, און וועלכע האבען זיך אנגעהויבען אין חודש אלול פון תרע"ד, און געדויערט אין פוילען ביז פאר'ן סוף פון תרע"ה, האבען ארויסגערופען דעמאלט ביי מיר דעם געדאנק, די פאקטען, וועגען די אכזרישע מעשים פון רוסישען מיליטער, צו זאמלען און זיי צו פעראייביגען; דאס זאל פעראייביגט ווערען.

מיין ווילען איז אבער געווען, אז די שילדערונגען פון די אלע פאקטען זאלען אויך פאר די קומענדיגע דורות בלייבען אזוי לעבעדיג, אזוי בולט, ווי מיר האבען עס איבערגעלעבט. מ'זאל איבערגעבען נישט בלויז די פאקטען גופא, נאר אויך די איבערלעבענישען.

דאס איז דאס „שווארץ-בוך". אין דעם בוך האב איך מיך בעמיהט אונזער גאנצע צייט אבצושפיגלען, אויף וויפיל עס איז מיר געלונגען, זאלען אנדערע משפט'ן.

דער עיקר איז: זוכט נישט דא דעם פאקט נאר די פ א ק ט ע ן, נישט א פ ר א ט א-ק א ל נאר די א י ב ע ר ל ע ב ע נ י ש ע ן. נישט דאס ג ע ש ע ה ע נ ע נאר דאס ג ע ו ע ז ע נ ע.

דער בעלעטריסט קוקט אינ'ם לעבען און שאפט דערפון — דעם געשטאלט פונ'ם לעבען; דאס איז מיין אויפגאבע געווען.

נישט א פאקט נאך א פאקט האב איך געוואלט דערצעהלען, נאר א בילד פון דער צייט; דאס גאנצע בוך — איז עס.

מיט דעם געוויסען גיב איך איבער דאס בוך דער עפענטליכקייט. (א קליינעם טייל פון די זאכען האב איך פערעפענטליכט פריהער אין „דער יודישער פאלקסבלאט" אונטער דער אונטערשריפט: י„ פיינענבוים).

נאר היים דאס ווערק איז א בעלעטריסטישע ארבייט, האב איך דאך געפונען פאר נויטיג ארייגצוגעבען, אויף א טייל ערטער, פאטאגראפיעס פון די אומגעקומענע, ווי אויך איניגע דאקומענטען, כדי עס זאל בלייבען לזכר עולם.

צום סוף פון בוך אויך — א כראנאלאגישע רשימה וועגען יעדען פאקט בעזונדער.

דער אויטאר.

די פעראייביגונג פון אונזער „אוי".

— פון —

יהודא עלזעט.

עליה לבניכם ספרו, ובניכם לבניהם,
ובניהם לדור אחר. (יואל א.)

נאָך די גרויסע איבערלעבענישען פון די לעצטע קריגס־יאָהרען, ווען די ווילדע מהנ"ת פון די רוסישע סטעפעס האָבען זיך אַ לאָז געטון איבער די יודישע שטעדט און שטעדטלעך און דאָרט געראויבט, געמאָרדעט, געשענדעט, געברענט, געיאָגט און געטריבען; נאָכדעם ווען דאָס גאַנצע בית־ישראל פון פוילען, ליטא, קורלאנד, גאליציען און בוקאָווינא האָט זיך געפונען אין דער שוועל פון טויט; נאָכדעם ווען די ליכט איז אין מיטען העלען טאָג פאַר'ן יודישען פאָלק פערלאָשען געוואָרען, און נישט געזעהן האָט מען מעהר פאַר זיך, נישט איין שטראַהל פון ליכט אין הימעל און נישט אַ פונק פון פריינדשאַפט אויף דר'ערד; נאָכדעם ווען מיר האָבען געמיינט, אַז געקומען זענען די לעצטע מינוטען פון „ישראל סבא" און אונזערע ליפען האָבען וידוי געשעפטשעט, נישט בלויז פאַר'ן יחיד, ווי בכלל פאַר דער גאַנצער אומה.—נאָכדעם אַלעס, ווען אריבער איז דער שטורם און געזעהן האָבען מיר, אַז הגם גרויס איז דער נייער חורבן, וואָס עס איז געשעהן, איז דאָך דער שטורם־ווינד, פון די ווילדע כחות, נישט בכח געווען, עוקר צו זיין דעם אַלטען יודישען שטאַם האָב איך אַ צייט־לאַנג נאַכגעטראַכט טראַכטענדיג, ווער ווייס צי עס וועט זיך זיך געפונען ווער, וואָס וועט קאָנען פעראייביגען אונזער גרויסען וועה? צי עס וועט זיין דער, וועלכער זאָל אונזערע בלוט־טרעהרען זאַמלען פון די פינסטערע קעלערעס און טונקעלע בוידעמס; פון די פייכטע, זאַמדיגע „פוילישע וועגען", וואו זיי זענען פערגאָסען געוואָרען? ווער ווייס, צי וועט ווער קאָנען קאָנסערווירען לדורות דעם אימת־מות, וואָס עס האָט געהערשט אין דער יודישער געהטאָ, די חדשים־לאַנגע, הארץ־קלאַפּעניש, די ציטערניש און פלאַטערניש נישט בלויז פאַר'ן פערמעגען, נאָר אויך פאַר די אוצרות פון דורות, נישט בלויז פאַר'ן אייגען לעבען, ווי פאַר'ן לעבען פון ווייב און קינד און נאָך מעהר די שטילע אימה פאַר'ן כבוד פון מוטער, ווייב, שוועסטער און טאָכטער?—

איך האָב דעריבער אויפמערקזאַם נעלייענט, אַלץ וואָס עס האָט זיך געדרוקט פון אונזערע שריפטשטעלער וועגען די איבערגעלעבטע שרעקענס־טעג. עס האָט מיך אָבער אַלץ ווייט נישט בעפרידיגט, עס האָט אַלץ נישט געשמעקט מיט אייביגקייט, ביז עס האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען די ערשטע זאַכען פון י. פיינענבוים (דער פסעוודאָנים פון מחבר פון שוואַרץ־בוך: צ ב י כ ה ן), פון די סעריעס; „קדושים", „אנוסות", „ביי די טייכען אין פוילען", „שומרים", מיר האָבען באַלד געזעהן, אַז מיר האָבען פאַר זיך איינעם, וואָס האָט מיט אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו יעדער וועה, נעגאַנגען אויף די חורבות, געזעסען אין שאָטען פון די תליות, נע'סמט זיין נשמה מיט'ן שטילען וועה פון די אנוסות, זיך אָנגעטרונקען און דורכגענומען מיט צער האומה, מיט'ן וועהטאָג פון פאָלק.

און אַז איך האָב ענדליך, געהערט, אַז צ ב י כ ה ן גיט אַרויס זיין „שוואַרץ־בוך" האָב איך מיך בעמיהט צו בעקענען מיט אַנ'אָנגעזעהענעם טייל פון דעם ווערק, דער אינהאַלט פון וועלכען ס'האָט אויף מיר אַזוי געווירקט, דאָס צוזאַמען מיט ביאַליק'ן רוף איך אויס:

נליקליך איז דער און געבענשט זאָל ער ווערען,
וואָס וועט פעראייביגען אונזערע טרעהרען,
היילינע צוויי טויזענד יעהריגע טרעהרען.

דער ערשטער טייל פון „שוואַרץ־בוך" האָט אַ שטאַרקען אָבקלאַנג ביים פאָלק געפונען עס איז אויך קיין וואונדער, ווי זאָגט ניטשע אין זאַראַטוסטראַ:

„Von alem geschriebenem liebe ich nur das,
was einer mit seinem Blute schreibt.

און אויב עס האָבען זיך מענשען מיט בלוט געשריבען, איז צ ב י כ ה ן נעווים איינער פון זיי; דאָס „שוואַרץ־בוך" האָט נאָך די מעלה, וואָס נישט בלויז מיט בלוט פון יחיד, פונ'ם מחבר איז עס געשריבען, נאָך אויך מיט'ן בלוט און מאַרך פון גאַנצען דור, פון גאַנצען פאָלק.

איך וויל מיך איצט דאָ נישט אָבשטעלען אויפ'ן גאַנצען ערשינענעם טייל. איך וויל וואַרטען דער־מיט ביז כ'וועל האָבען דאָס גאַנצע ווערק אין דער האַנד, איך וויל אָבער דאָ רעדען אַ פּאָר ווערטער וועגען די הערליך שענע פּאָעמע „איכה", מיט וועלכע דאָס בוך הויבט זיך אָן.

געשריבען איז די פּאָעמאַ אין אַ פּליסענדיגע שפּראַך, און אין מאַנכע ערטער שמעקט זי מיט ביאַליק'ס „שחיטה - שטאָדט". איך וויל אָבער, אַז מײַנע לעצטע ווערטער זאָל מען פערשטעהן נישט בוכשטעבליך; די דערמאָנטע ערטער זענען נישט קײן נאַכאַהמונג פון ביאַליק'ן, פון וועלכען מען זאָל נאָר פיהלען דעם בעקאַנטען נאָכ־טעם פון נאָכאַהמונגען; נײן, די ערטער „ש מ ע ק ע ן" מיט ביאַליק'ס גײַסט און סטיל, וועלכע איז אונז שוין געוואָרען אַזוי היימיש און אײַנגעזאַפּט; אַזוי, אַז מיר זוכען איהם שוין פּראָסט, נעהמענדיג אין האַנד אַ ווערק ווי דאָס „שוואַרץ־בוך" אין גאַנץ נאַטירליך, גלײַך ווי ס'וואָלט אַנדערש נישט געקענט זײַן, זעהט בײַ אונז אויס אַנ׳ציטרעפּען אין אָנפאַנג פון דער פּאָעמאַ די ביאַליק־שורות;

פאָהר אַרויס מענש, און זעה דיר אָן דאָס לאַנד,
פאָהר בײַ דער בזורא ־ און דעם ווײַבסעל־ראַנד,
און, די חרוב'ע יודישע שטעדטלעך, זעה,
און עס פּלאַצט דײַן האַרץ, געהט אויס פון וועה!

אונזער דיכטער קאָן זיך אָבער לאַנג אין ביאַליק'ן נישט אָנהאַלטען, ער קאָן נישט מאריך זײַן בײַ דער שילדערונג פון די פּאָגראָמיסטענע גרוילטאַטען, דען ער בעגעגענט זײַ שוין נישט מעהר! אונזער דיכטער געפינט זיך אין אַ גאַנץ אַנדערע לאַגע ווי ביאַליק; דער לעצטער האָט קומענדיג אין שחיטה־שטאָדט, נאָך אָנגעטראָפען אַלץ געשעהענע פּריש פאַר די אויגען, בײַ די לעצטע חורבנות איז אָבער, ווי בעקאַנט, אַלץ אַנדערש געווען, מ'האָט אָפּגעטון, וואָס מ'האָט נאָר געקאָנט, די רעשט פּעריאָנט און ווידער, שאַ, שטיל. ווי דער דיכטער פּערצעהלט אונז טאַקי;

כ'האָב געזוכט מײַן פאָלק, די קינדער - ליב,
און נישט געפונען, וועה מיר און טריב!—
לעדיג און פערלאָזען שטעהן די נעסטען,
פערברענט, פער'שרפה'ט ביז די רעסטען,
נישטאָ, נישטאָ די קינדערלעך און זײַ,
וואָס טוט מען זיך אַ הון? ווי טיף דער וועה!

דער דיכטער מוז ערשט אָנהויבען נאָכצופאָרשען, וועגען דעם געשעהענעם, און אַנ'אַלטער מאַן מאַכט איהם מיט שפּאָט:

. . . דעם חשבון פון די יודען;
וועם געהאָנגען, אין קײטען געשמידען
געמען, און אין טײַוועלס לאַנד בעשיקט,
געשענדעט, געטריבט, געיאָגט, דערשטיקט;
די איבריגע — גאָר פּערטריבען,
קײן שריד איז פון זײַ געבליבען.

וועגען דעם געשעהענעם, דערצעהלט איהם איין „אַ יודיש קינד, ווי אַ מלאכ'ל שען — די האָר. דאָס פּניס'ל — אַ יודישער חן", וועלכען דער דיכטער געפינט, ווי עס וואַלגערט זיך אַרום איינ'ן מיסט, איבהערענדיג, וואָס מען דערצעהלט איהם וועגען די געשעהענע גרוילטאַטען, בלײַבט דער דיכטער פערשטערט און פערשטיינערט, וואָס זאָל ער רעדען?

וואָס קאָן מען רעדען דען, שטויב זענען רייד,
מײַן בראָך איז צו גרויס, צו טיף — מײַן לייד...

און דורכנעמומען מיט אַנ'אונבעגרײַפליכען צער און יאוש, רײַסט זיך נאָר אַרויס פון דעם פערהוהעטאַנטען האַרץ די שרעקליכע שאלה:

איז עס פון גאָטס האַנד, ער האָט'ס בעשטימט?
אָדער: דער טײַוועל האָט עס גאָר געלאַכט?

בעזונדערס הערליך איז דאָס צווייטע קאַפּיטעל, וואו דער דיכטער רעכענט אויס, דאָס ער געפינט נישט פאַר פּאַסיג און נוצליך, נישט דאָס וויינען און נישט דאָס קלאָגען, נישט טרייסטען און אויך נישט דאָס קריעה רײַסען;

קריעה רײַסען? צו וואָס וויל איך וויסען,
איז מײַן האַרץ נישט אויף שטיקער צוריסען?

דאָס קאַפּיטעל איז אַזוי אָנגעשריבען, אַז עס וואָלט זיך גערן געגלוסט און נאָכצען עס צו ציטירען, ווען נישט דאָס בעגרענצטע אָרט, דאָך ברענג איך דאָ די ענדע דערפון;

נקמה?— ווי איך לעבין און שטרעב נאָך איהר,
אַלע אבריס רופען דאָך אין מיר:

— נקמה, נקמה, א ריכטיגע יענס לאנד!—
ס'הויבט זיך אבער ביי מיר נישט די הגדה,
כ'בין קיין ניקס, צו קלייַן מיין ערמה,
צו אזא וועלט-נקמה, „עד חרמה"...

איך ווייטער אין הערק נעפינען מיר שענע רייד וועגען אונזער נישט-קענען ניקס זיין, און אליינען געפינען מיר עהנליכעס איך ביי ביאליק'ן;

וארור האומר נקום!
נקמה כזו, נקמת דם ילד קטן — עוד לא ברא השטן!

אינטערעסאנט איז דאס, וואס מיר האבען דא צוטון מיט'ן עכטען יודישען כאראקטער; מיר ווענען נישט קיין איבערטעמישען אויף אזוי פיל, אז מיר זאלען נישט וועלען נקמה זעהען אין אזעלכע אינטענשליך-ווילדע שונאים; מען געפינט אין דעם שונא'ס מפלה אויך א וועלט ניטהענ-דיגקייט אין — „ובערת הרע"... דען עס גלויבט זיך קיים, אז אזא ברוטאל'ער אכזר, זאל נאך ווען עס איז קאנען בעסער ווערען, אז מען זאל צו איהם קאנען אנווענדען די יודישע תפלה: „יתמו חטאים ולא חוטאים"...

דער יוד וויל אבער נאר נקמה זעהען און נישט נקמה נעהמען, ווי דער דיכטער זאגט געלונגען:

נקמה? ווי איך לעכץ און שטרעב נאך איהר...
ס'הויבט זיך אבער ביי מיר נישט די הגדה...

אט אזוי איז שוין די יודישע טבע, מאז ומעולם, פון אייביג אן, שוין נאכ'ן ערשטען חורבן, רעדענדיג וועגען אדום און בבל, בעטען יודען: זכור ה' לבני אדום — זאל זיך גאט רעכנען מיט אדום, בת בבל, אשרי שישלם לך גמולך — און די בבל, געבענשט זאל זיין יענער, וואס וועט דיר בייצאהלען פאר אונזער עולה, געבענשט זאל זיין יענער, וועלכער וועט דיינע קינדער אן דעם פעלזען שמעטערען... זיך אליין, אבער, געפינען מיר נישט ביים ווילען און ביי דער פעהיגקייט נקמה צו נעהמען, נישט מיר וועגען דערצו בעשאפען, און מיר בעטען נאר, דאס אונזער פיינד זאל אויף ביימדע הענד קומען... פרעמדע זאלען זיך שוין אויך פאר אונז מיט איהם אברעכנען...

ווי זיין שטייגער אין גאנצען בוך, צו האלטען זיך אין טאן און פארם פון דער אלטער יודישער אגדה, פיהרט ה' צבי כהן אויך אין „איכה" פאר אונז פאר זיינם א ועהונג מיט דער מוטער פון יודען, מיט דער שכינה.

כאראקטעריסטיש פאר אונזער דיכטער איז דאס, וואס נישט ער זוכט טרייסט ביי דער שכינה, נאר פערקעהרט, ער שטארקט זי נאך. ער גיט איהר האפנונג און ער האלט זי אב פון וויינען און פון טרערען:

לאמיר האפען אויפ'ן טאג דעם גרויסען,
גאט וועט קומען מיט'ן שווערד דעם בליזען
צום וועלט-משפט, צו דעם יום-הדין.
וויין נישט מאמע, פאלג מיין זין!

צבי כהן איז נאך יונג און גאנץ בעשיידען, ער האט קיינמאל נישט געחלום'ט צו וויינען און צו קלאגען; זיינע חלומות וועגען מעהר פון דער וועלט פון שווייגען, וואס ער האט אזוי הערליך געשילדערט אין זיין ווערק „דאס בוך פון שווייגען"*), דער וועה פון זיין פאלק, רופט איהם אבער אין מיטען בליהענדען לעבען, צו פערלאזען אלע תענוגי-העולם און צו קלאגען זיין „איכה".

דאס „שווארץ-בוך" דערמאהנט מיך אין די פינסטערע תשעה באב אווענדען פון מיין פרי-העסטער יוגענד, ווען ווייבער זענען זיך צוזאמענגעקומען אין א האלב פינסטערע שטוב און די מוטער איז געזעסען ביי א קליין ליכטעל און פאר אלע פארגעלייענט „חורבן בית המקדש"; שטיל און בעשיידען איז געווען איהר לייענען, דורכגעזאפט מיט טרעהרען, זיפצען, הארץ-וועהטאג און הארץ-קלעמעניש און מיין יונג לייב האט א ציטעריש געהאלטען אין דער קלעם, די האר האבען זיך מיר געשטעלט קאפויר, און די אויגען זענען איבערגעגאנגען...

איך וויל אויך אנווייזען אויף דער רייכער אויסשטאטונג פון בוך; איך גלויב קוים, אז עס זאל שוין זיין אין יודיש אזא ווערק מיט אזוי פיל ארגינעלע אילוסטראציעס, ווי דאס „שווארץ-בוך". בעזונדערס בלייבען אין זכרון די „אגוסות", „גרויש" און „שופרים"**).

ה' צבי כהן האט אונז מיט דעם ווערק געגעבען א טייערע מתנה, זכרון ליום אחרון, וואס מוז זיך געפונען אין יעדע יודישע שטוב, נעבען דער אלטער יודישער קינה.

*) נאך אין מאנוסקריפט.
**) זיי וועלען קומען אין צווייטען און אין דריטען טייל.

פון שמואל ליפשיצעס
ביבליאָטעק און אַרכיוו

איכה.

א.

— כ׳קום פון דאָ, פון דאָרט, פון אומעטום,
כ׳קום פון וואַנדערן אין פוילען־לאַנד אַרום,
כ׳האָב בעקומען, אַ גרוס בעקומען:
.ווע דעם גײַעם חורבן, פאָהר בענומען,
פאָהר אַרוים מענש, און ווע דיר אָן דאָס לאַנד,
בײַ דער בורא־און דעם ווײַכסעל־ראַנד.
אוי, די חרוב׳ע יודישע שטעדטלעך, ווע,
און עס פּלאַצט דײַן האַרץ, געהט אויס פון וועה,
פאָהר מענש און ווע דעם דריטעי חורבן
און קלאָג! — גאָט האָט בעוויליגט דאָך דעם קרבן״—
נעכאַפּט האָב איך מײַן שטאָק און קלײַד,
געפלויגען דאָ און דאָרטען נאָך בעשײַד,
מײַן פאָלק איז נישטאָ מעהר — איז עס וואָהר?
קען עס, אויף דער וועלט, מעגליך זײַן גאָר?
געוואַנדערט האָב איך טעג און נעכט לאַנג,
אַ קלאָג־ליד, הערט, איז איצט מײַן געזאַנג;
אַ קלאָג־ליד?— אָ, נײַן, זיצט בײַ מיר שטום!
פרעגט נישט, זאָגט נישט, קײַן פּיפּעץ גיט, קײַן ברום!
וואָס קאָן מען רעדען דען, שטויב זענען רײַד,
מײַן בראָך איז צו גרויס, צו טיף — מײַן לײַד...
כ׳האָב געזוכט מײַן פאָלק, די קינדער־ליב,

און נישט געפונען, וועה מיר און טריב! —
לעדיג און פערלאָזען שטעהן די נעסטען,
פערברענט פערשרפ'ט ביז די רעסטען,
נישטאָ, נישטאָ, די קינדערלעך אין זיי.
וואו טוט מען זיך אהין? ווי טיף דער וועה! —
כ'האָב געפרעגט מיט צאָרן, מיט גאַל און שמאַרץ,
געפיהלט דערביי. ווי עס פלאַצט דאָס האַרץ:
— זאָגט, וואו איז מיין פאָלק, מיין פאָלק וואו איז?
אנ'אַלטער מאן מיט א צונג — א שפיז.
געקוקט האָט לאַנג אויף מיר און גערעדט,
געשיינט מיר האָט עס אָבער, אז ער שפעט:
— אָט איז דער חשבון פון די יודען:
וועם געהאָנגען; און קייטען געשמידען
וועמען, און אין טייוועלס לאַנד פערשיקט,
געשענדט, געראויבט, געיאָגט, דערשטיקט;
די איבריגע נאָר פערטריבען;
קיין שריד איז פון זיי געבליבען,
איינער נאָר וואָס משוגע איז, איינער,
און מעהר קיין זכר, קיינער, קיינער —
געבליבען בין איך שטעהן קאַלט און שטום,
געקוקט אויף די חורבות, ווייט ווייט אַרום,
אליין נישט געוואוסט וואָס כ'טראַכט און וואָס כ'וויל,
געוויינט האָט נאָר מיין האַרץ אין דער שטיל...
ווען אוועק ווייטער איז דער בר-נש,
אוועקגעזעצט זיך האָב איך אויפ'ן בארג אַש,
אויפ'ן אש פון יודישען האָב-און-גוטס,
געוואָרפען האָט'ס מיך פון קעלט אין היץ,
אויסגעבראָכען האָב איך אין א געוויין,
ווען נישט געהערט האָט'ס אויבען גאָט אליין —
נישטאַ אין הימעל ווער ס'זאָל הערען;
געווען זענען דאָס דורות-טרעהרען, —
עס האָט זיך מיר דערמאָלט ווי געשיינט,
גאַנצע וועלטען האָבען מיטגעוויינט.
[illegible]אַבען קדושים פון דורי-דורות לאַנג,

מזכיר געווען מיט מיר דעם וועה און באַנג
נאָר שאַ, וואָס רעד איך גאָר פון טרעהרען,
שטום זיין! קיין וואָרט, קיין קלאָג, קיין שווערען,
פאַלש זענען ווערטער — זיי גענאַרען,
ס'איז גאָר ניט דאָס, וואָס ס'האַרץ טוט גאַרען,
שטום דאָך לאָזט מיך זיצען, שטום און שטיל,
שוויַיגט איהר אויך מיט מיר, קיין קרעכץ, קיין בריל!
די שיך טוט אויס! זיצט שבעה צו דער ערד,
ווילד ווי איך לאָזט איַיך וואַקסען אויך די בערד,
שאָקעלט מיט די קעפּ און טיפען שוויַיגען,
דאָס אויער צום קרעכץ פון וויַיטען ניגען...
אַ שמחה געווען איז פאַר ערלים,
און מיר, מיר זענען ווייסטע אבלים,
גרויס ווי דער ים איז אונזער חורבן,
אַ פאָלק איז אונז, אוי, אָפּגעשטאָרבען...

קריעה־רייַסען? — צו וואָס וויל איך רייסען,
איז מיין האַרץ ניט אויף שטיקער צוריסען?
דאָס האַרץ, דאָס האַרץ, פאַרברענט איז געוואָרען
אינים איינגענעם פייַער, און וויסטען צאָרן,
איצט וואַלגערן זיך דאָרט נאָך אין די אש'ן,
שטיקער פלייש בלויז, און גיפט געוואַשען...
וויינען? — און יעדען שטעדטיל אַ טרעהר —
אויסגעלאָזט־זיך; ניטשטאָ, ניטשטאָ מעהר,
נאָר ווען כ'זאָל האָבען אַ ים פון טרעהרען,
צו וואָס זיי? — דעם דלות נאָר פאַרמעהרען,
טרעהרען מאַכען דאָס האַרץ נאָר גרינגער,
פריש ווערט צוריק דער מענש און יונגער,
אינעווענינג זאָלען זיי בלייַבען,
אַ טרעהר צו אַ טרעהר זאָל זיך קלייבען,
גיפט און גאַל וועט ווען ווערען פון זיי,
אויפרייסען וועט אַמאָל דאָך דער וועה,
שאַפען וועלען זיי מעשים, וואונדער,
וואָס מיר ווייסען גאָר ניט אַ צינדער...

קלאָגען? — אַ וועלט־קינה זאָל איך קלאָגען,
וואָס איז דען שייך דאָ נאָך צו זאָגען,
אין מיטען פריהלינג פון דער יוגענד,
דעם טוי אויפ׳ן קאָפּ פול טוגענד,
אין מיטען דער בעסטער לעבענס־שעה,
שייד איך זיך אָב צו אַ לעבען גרוי,
צו יענע אַלטע און דונקעלע טעג,
ווען מען זוכט מיט׳ן ,שטעקען שוין דעם וועג,
צו אַ לעבען וויסט אָהן שום בענעהר,
כ׳האָב קיין פערלאַנג, כ׳האָב גאָר נישט מעהר,
כ׳האָב קיין פרייד, קיין ליכט, קיין הייל, קיין גליק,
כ׳זעה תמיד נאָר: בלוטיגע הענד, תליה־שטריק,
הײַנט בויג אַמן צו מיר דײַן קאָפּ און זאָג,
איז נישט דאָס, דאָס גרעסטע ליד פון קלאָג...
טרייסטען? — ווער דען, אויך גאָט׳ס גרויסע וועלט?
ווער ווינשט דאָס מיר נישט אזאַ פערנעלט?
ווער שטעקט דאָס אויס, מיר זײַנס אַ האַנד ריין,
נישט צו האָבען קיין אַנדערען מיין?
ווער טרייסט מיך? ווער זינגט מיר דאָס טרייסט־ליד?
כ׳בין קין דאָך! דער אייבּיגער יוד...
ווער האָט דען אויך אַזאַ געטליך וואָרט,
היילען זאָל עס טיף אין האַרצען דאָרט?
ווער האָט אַ וואָרט, צו אַ תהום פון לייד? ·
צו אַ פאָלקס־יתום ווער האָט רייד? --
נקמה? — ווי איך לעכין און שטרעב נאָך איהר,
אַלע אברים רופען דאָך אין מיר:
— נקמה, נקמה אַ וויסטע יענעם לאַנד! —
ס׳הויבט זיך אָבער בײַ מיר נישט די האַנד,
כ׳בין קיין נוקם, צו קליין מײַן ערמה,
צו אַזאַ וועלט־נקמה „עד חרמה...״

— — — — — — — — — — — — —

אינ׳ם שווײַגען — נעפּין איך רוה נאָר דאָ,
אינ׳ם שטיל־זײַן — די בעסטע אייגזאַם־שעה...

ג.

איינמאָל, ס'נעווען אויף מיין וואַנדער וועג,
אָבער די שטעדלעך ביי בזורא־ברעג,
צווישען די חורבות פון אַ קהלה,
וואָס געוועז איז זי לשם ולתהלה.
איצט צושטערט, פער'שרפ'עט ביז גאָר,
גישט געבליבען דאָרש ממש קיין האָר —
ביי נאַכט האָב געהערט איך אַ געוויין
פון אַנ'אשה אין צער, פערלאָזט, אַליין.
בין איך נעהנטער צו און געזעהן — אַך!
— וועה מיר, ס'איז די מאַמע שכינה דאָך!
די שכינה, די מאַמע פון יודען
— מאַמע! — האָב'ך געזאָגט צו די צופרידען
כ'האָב אויף די חורבות זי געטראָפען,
— מאַמע, וואָס ווייגסטו לאָמיר האָפען,
לאָמיר האָפען אויפ'ן טאָג דעם גרויסען,
גאָט וועט קומען מיט'ן שווערד דעם בלויזען,
צום וועלט־משפט, אין דעם יום־הדין,
וויין נישט מאַמע, פאָלג מיין זין!
פערבראָכען האָט זי די הענד, געקלאָגט,
און צו מיר האָט זי אַזוי געזאָגט:
— דריי חורבנות זענען זיי געווען
איינער נאָכ'ן אַנדערן איז מיר געשעהן,
ביים ערשטען – די צושטערונג פון הויז,
פערוואָגעלט, אוי, האָב איך דאָן, און אַרויס
אין לאַנד צו בלייבען, צו רוהען דאָרט.
ס'פאָלק געבליבען איז גאָך אויף זיין אָרט!
ביים צווייטען — צושטערט מיר דאָס לאַנד,
פערוואָגעלט נאָך זיי אין גלות־שאַנד,
געליטען פון זיי אַ צרה, נאָך אַ צרה,
ווי אַ מאַמע, ביום איבה וסרה?—
איצט איז מיר פון דעם אַלעם ביטער,
געשעהן איז דער חורבן — דעם דריטער,
חרוב דאָס פאָלק, פערטיליגט די זיהן,

וואו וואָגעלט מען? וואו טוט מען זיך אַהין?
געוויינט האָב איך ווידער און געזאָגט:
— מיין פאָלק אויסגעראָט, געפּלאָגט, פעריאָגט,
ווער בין איך איצט? וואָס איז גאָר מיין זיין?!
וועה צו אַ יתום נאָך אַ גאַנץ פאָלק אַליין! — —
אַזוי האָב איך געוויינט, אויף איהר, אויף מיר — זי:
ביידע, זיך געקלאַמערט, ביז אין דער פריה...

ה.

כ'האָב אין שטעדטיל אין אַ חורבה וויסט,
אַ יודיש קינד געזעהן אויפ'ן בארג מיסט.
אַ יודיש קינד, ווי אַ מלאכ'ל שען,
די האָר, דאָס פּנים'ל — יודישער חן.
— משה'לע קום נאָר אַהער! — אָט איז ס'קינד
פרעגט איהם נאָר, זאָגט ער אייך באלד אַ צינד:
— וואָס פרעגט איהר מיך: וואו כ'האָב דעם טאַטען?
פּאָניע גענומען צו סאָלדאַטען.
אַ קליין שוועסטער'ל האָבען זיי דערשטיקט,
דער מאַמען שטאַרק געפּייניגט, געפליקט...
די שוועסטער, ביי ביידע אָרעמס,
פערשלעפט אויפ'ן פעלד, צו די קאַזאַרמעס,
דעם ברידער אויפגעהאָנגען אויפ'ן טיר—
געזוען זענען מיר גאַר—קינדער פיר;
אין דער גוטער באָבע מיט'ן זיידען
אַרויסגעשיקט קיין סיביר זיי ביידען...:
אָט איז אַ ידיעה, אַרוים פון טנופת.
גישט געשעהן מיט איהר קיין שום מופת.
מ'זאָגט: מאַנס געוועז אויף איהר אַ בתולה,
מען דערקענט עס, דוכט זיך, נאָך אַפילו,
געלעגען אין אַ הורים-שטאַל
וועה מענש, אַלץ רוהיג צו אָהן גאַל;
אַט איז אַ נאַרטעל — אַ תליה-שטריק,
פאַר אַ רב'ס אַ זוהן, פאַר'ן פאָטער'ס בליק;
אָט פינגער — געפונען זיי אַזוי,
און זיי שטאַרק! קרעכץ גישט אויס קיין „אוי".

וואָס זאָל די וועלטען הרוב מאַכען,
ביז די ווייטסטע הימלען דורכברעכען...
נאַר זעהט דאָס אַליין רוהיג און בעטראַכט
האָט אַ מענש אַ זעלכעס אויסגעטראַכט?
איז עס פון נאָט׳ס האַנד, ער האָט׳ס געמאַכט?
אָדער: דער טייוועל האָט עס נאַר געלאַכט?...

ח.

איצט רעדט קיין וואָרט דאָך מעהר, זיצט נאָר שטום,
כ׳קאָן נישט פערנעהמען קיין וואָרט, קיין ברום,
אין קאָפּ טומעלט, איך ווער משוגע,
ס׳שוועבט פאַר די אויגען מיר די הרינה,
מיך גלוסט צו שפּרינגען פון הויכען שטאָק,
אָהן מלבוש אָהן שוך און זאָק,
און הרוב מאַכען און צושטערען—
דאָס איז איצט מיין טיפסטער בעגעהרען;
אויסהאַקען בוימער אין די נאַסע,
אייזערע אומשטירצען, באַלד—פּאַלאַצען,
אַלטע וועלדער גלייכלעגען צו דר׳ערד,
אויסשטעכען אויגען, אויסרייסען בערד,
רייסען פון ברוק די גרעסטע שטיינער,
און שיטען — אַ האַנעל, איך איינער,
פון שטיינער, זעהט, אַ זאַוויערוכע,
איבערגעקעהרט האָב׳ך די מערכה!
איך בין בין איצט אויך אַ נאַט, אַ טייפעל, אַ שר
הערט איהר מענשען, ציטערט ווען איך רעד!...
אוי, כ׳ווער משוגע, כ׳גיי אַראָב פון זינען,
דער מח איז אין מיר אויסגערינען.
יצט פערשטימט נאָר אין טיפען שווייגען,
די קעפּ רק שאָקלען שטיל און בייגען,
ביז אויסרינען וועט אויך מיר דאָס האַרץ,
פערשווינדען וועט דערמיט אויך מיין שמאַרץ,
פערגעהן וועט מיין לעצט יסורים-געפיהל,
שטאַרבען וועל איך דאַן אָב אין דער שטיל...

דער דריטער חורבן.

(פאָעמא).

I.

גאַנצע נעכט האָבען יודישע שטעדטלעך אין פייער און רויך זיך געוואַלגערט און זייערע נשמות אייסגעהויכט; רויטע פייער-צונגען האָבען דעם הימעל געלעקט ווי סליחה געבעטען, נאָר דער הימעל איז בייז און שוואַרץ-גרויליך געווען און נישט געוואָלט זיי מוחל זיין.

און יודיש האָב-און-גוטס איז דער קרבן-עולה געווען, נאָר דער קרבן איז נישט מיט לויב-געזאַנג ווי פאַרצייטענס אויפגעפיהרט אויפ'ן מזבח געוואָרען, נאָר מיט פרייד-געשרייען פון די אכזרים פון איין זייט. און פון דער אַנדערע זייט מיט יללות און געשרייען פון דעם הרוב-געוואָרענעם פאָלק, פון די פרויען און קינדער.

און הינטער די ביז צו אַש פערברענטע שטעדטלעך, איז די ערדה געשטאַנען, פון וועלף אַרומגערינגעלט, צו טרייבען זיי אין נייעם גלות, אין א גלות פון גלות-לאַנד.

האָט פערקלעמט מיר דאָס האַרץ און שטיל האָב איך געוויינט—דען הויך וויינען האָבען די אכזרים נישט געלאָזט— מיך אויף דר'ערד געזעצט און בין איינגע-דרימעלט.

און געווען איז ווי כ'בין נאָר איינגעשלאָפען און א מלאך פון גאָט שטעהט נעבען מיר און זאָגט צו מיר:

— וואָס וויינסטו קינד?

האָב איך צו איהם געזאָגט:

— וואָס פרעגסטו מלאך פון גאָט? זעהסטו דען נישט אונזער חורבן צו? — זעהסטו דען נישט וואָס די ווילדע אכזרים האָבען אונז געטון? אַ דריטער חורבן איז אויף אונז געקומען, וויין דו אויך מיט מיט אונז מלאך פון גאָט!

האָט דער מלאך צו מיר געזאָגט:

— וויין נישט מיין קינד, עס איז גאָט'ס ווילען אזוי, און ווער זענען מיר, אַז מיר זאָלען קומען אין זיינע וועגען, וויש אויס דיינע טרעהרען דיר, און נעהם אלץ צו באהבה, דען גאָט'ס רצון איז אַזוי.

האָב איך געזאָגט:

— עס קאָן נישט זיין גאָט'ס ווילען, נישט פון איהם איז אַרויס אזא שלעכטס. דען גאָט איז אַ רחום וחנון און ער וויל נישט דעם טויט פון שולדיגען, נאָר, אז ער זאָל זיך אומקעהרען פון זיינע שלעכטע וועגען און צוריק דינען גאָט.

האָט דער מלאך געזאָגט:

— רעד נישט מעהר מענש, דען דו זינדיגסט געגען גאָט, וואָרום צי קאָן דען געשעהן עפּיס אויף דער וועלט אָהן זיין ווילען.

האָב איך װידער געזאָגט:

— פיהר מיך מלאך ביז פאַר גאָט, איך װיל פרעגען איהם, אױב פון זײנע הענד איז דאָס אַלץ געשעהן.

האָט דער מלאך געזאָגט:

— קום, נאָר אין נעבעל זאָלסטו שטעהן בלײבען, און נישט קוקען צו דער געטליכקײט.

און ער איז אַװעק מיט מיר אין די הימלען.

II.

און יוען כ'בין אין דעם גרױסען נעפעל געקומען, און פאַר די אױגען האָט מיר אַ װײַטע ליכטיגקײט געבלענדעט, האָב איך פערשטאַנען, אַז כ'בין נישט װײַט פון דער געטליכקײט און געפרעגט האָב איך.

— גאָט איז עס דײן װילען אַזױ געװעזן? האָסטו בעפױלען דײנע קינדער אומצוברענגען.

האָט גאָט געזיפצט און געזאָגט:

— די קינדער האָבען געזינדיגט; די רשות איז דעם משחית איבערגעגעבען געװאָרען.

האָב איך געזאָגט:

— זאָל שױן גענוג זײן דײן צאָרן.

האָט גאָט װידער געזיפצט.

— עס איז נישט מעהר אין מײן רשות.

האָב איך גאָט געבעטען:

— טאָ גיב אונז אפרײד נאָך גאָט, זאָל אַ ניקם בײ אונז געבױרען װערען, אַ נוקם װי שמשון שטאַרק, װי שאול הױך און װי שמואל זײן בליק, און גרױס, אונגעהױער גרױס זאָל זײן נקמה זײן, און אין אַ ים פון שפײעכץ זאָל ער זױ דערטרינקען, מיט אַ טריט פון זײנס אַ פיס צוטרעטען און מיט אַ מאַך מיט דער האַנד — גאַנצע מחנות צוראַבען.

האָט גאָט געענטפערט מיר מיט שטורם:

— לא תקום!

האָב איך געזאָגט:

— האָסטו דען נישט גאָט אין מענש די שטרעבונג צו נקמה געגעבען? האָסט איהם דען נישט אַזױ געשאַפען? האָסטו אין איהם נישט אַזאַ געפיהל אײנגעפלאַנצט?—

און גאָט האָט װײטער מיר פון שטורם געענטפערט;

— לא תקום!

האָב איך אַ יריעה אײנגענומען, װאָס כ'האָב אין מיסט געפונען און װעלכע די אבזרים האָבען צװישען „לא“ און „תקום“ דורכגעריסען.

האָט גאָט שטיל געשװיגען נאָר באַלד האָט זיך זײן שטים געהערט:

— װילסט נקמה קינד, דאָס זאָל דײן נקמה זײן, הױב דײן פאָלק אַלס העבער

און העכער, שטאָהק זייער ווילען צו דינען דיך ; זאל גאָט בײ זיי אין הארצען זײַן ; לערן זיי צו קוקען וויַט, צו זעהן הויך, צו שווייגען טיף און זיין וועט דיין פאלק דאס ליכט פֿון די פעלקער, און אלע שונאים וועלען זעהן און זיך שעהמען א ווארט צו רעדען, דען ווי גאלד יואס ציינט פון שמוץ ארויס וועט דיין פאלק זיין.

און איצט קעהר דיך צוריק מיין קינד און זיי געטרייסט.

III

און ווען כ'האב פון שלאף ערוואכט, האבען גאָטס רייד נאך איז מיינע אויערן אבגעקלונגען, און געזעהען האב: ך, אז מיר זענען אויך שולדיג אין אונזער אומגליק, צו וועניג גאָטס נאמען אויף דע יועלט געררופע, אויך ביי אונז אליין רוהט גאָט נישט אין הארצען, דען ווייט איז דאס פאלק נאך פון פערשטעהן, נידריג פון צו פיהלען, שוואך פון צו זעהן.

און וואלט דאס נישט געווען, וואלט קיינער פון די שינאים נישט געוואגט צו צוריהרען זיך צו אינז.

האב איך מיין קאפ פאר גאָטס רצון געבויגען און מיט דער מחנה מגורשים אין נייעם גלות ארײַן זיך געלאזט...

קדושים

פאר'ן כסא הכבוד.

ווען דאס פאלק ישראל לייַדט, לייַדען אויך די אבות פין די יודען אין זייערע היכלות אין גן-עדן, און געפינען פאר זיך קיין רוה ניט.

און ווען עס איצט געקומען אזוי פיל צרות אויף יודען און אין גן-עדן האבען זיך געהערט די „אוי"-געשרייען, זענען די אבות אראָב פון זייערע גאָלדענע שטוהלען און זיך געזעצט צו דער ערד, זענען פינסטערן געווארען זייערע ליכטיגע פנים'ער און א שווארצער וואָלקען מיט שוואַרץ-בלוט אנגעזאַפט האָט זיך איבער זייערע הימלען פערצויגען...

האבען די אבות קיין רוה ניט געפונען. איז אוועק דער עלטער-זיידע אברהם צום זיידען יצחק און ביידע צום טאטען יעקב.

האבען זיי געטראָפען איהם, ווי ער זיצט צו דר'ערד און קלאגט און וויינט, האבען זיי צו איהם געזאגט:

— טאטע, וואס שווייגסטו? די „אוי"-געשרייען פון דיינע קינדער פערמעהרן זיך פון טאג צו טאג און זייערע ליידען פערגרעסערען זיך.

האט יעקב געזאגט:

— וואס זאל איך טון? וואס זאל איך טון?

האבען זיי געזאגט:

— שטעה אויף פון דר'ערד. קום לאָמיר געהן צום בעשעפער פון דער וועלט.

האט זיך יעקב אבינו איפגעשטעלט פון דר'ערד און אויסגעטון זיין ליבט-מאנטעל. האבען דאס אויך געטין די אבות און זיך אנגעקליידעט אין טרויער אוי יעקב אבינו האט גענומען דאס שוואַרץ-בוך אונטער'ן ארים און זיי זענען געגאנגען צו גאט.

און ווי גאט האט זיי דערזעהן האט ער זיי געפרעגט:

— וואס זאגט איהר אבות?

האבען זיי געענטפערט:

— בעשעפער פון דער וועלט, מען שלאגט און מען פייניגט אונזערע קינדער — זיין פערניכטעט דיין איינציג פאלק ישראל.

האט גאט טרויעריג געשאקעלט מיט'ן קאפ און פערצווייפעלט א מאַך געטין מיט דער האנד.

זענען די אבות נאך מעהר טרויעריג געווארען און זייערע שיך פון די פיס אראבגעווארפען און זיך געזעצט שבעה פאר'ן כסא הכבוד.

אין דער טאטע יעקב האט אפוירגענומען דאס שווארץ־בוך און געזאגט:

— אלע פעלקער האבען איצט קרינס־ביכער ארויסנעגעבען, מיין פאלק האט א „שווארץ־בוך" ארויסגעלאזט... העלף מיך צו, גאט, איך וועל עס פאר דיר פארלייענען.

איז שטיל געווארען אין אלע הימלען און אלע כרובים און מלאכים האבען איבערגעריסען אין מיטען זייער שירה — —

און יעקב אבינו האט אפויר גענומען פון אונטער'ן ארים דאס שווארץ־בוך, אויפגעמישט און גענומען לייענען פאר גאט:

I.

עשרה הרוגי מלכות.

ערב יום כפור.

אין א דארף ביים יודישען שטעדטיל סט. האבען זיך א קליינע עדה יודען, קוים מנין, פערזאמעלט ביי איינעם פון זיי אום צו בעטען צוזאמען מיט אלע יודען אין דעם גרויסען טאג, צו זייער גאט אין הימעל.

שטיל און טרויערינ, מיט בעטריבטע געמיטהער, זענען זיך די יידען צוזאמענגעקומען, דער שונא האט ארום דעם גאנצען געגענד געלאגערט... און אין דער שטילקייט פון דער נאכט האט זיך שוין דער צבא פון שטורם געהערט... און געציטערט האבען די מענשען...

— — — — — — — — — —

— כל נדרי...

— אוי וועה! אוי וועה! אוי וו־ע־ה...

וויפיל קראכצען שטעקט אין דעם ניגון, מיט וויפיל וועהטאג פון דור־דורות איז ער אנגעזאפט... יעדערער דור האט זיין וועה און איהם פערוועבינט... זאל איצט זיך איינפלעכטען אין איהם אויך דער נייער וועה...

— — אוי וועה! אוי וועה!...

מיום כפורים זה, עד יום הכפורים הבא עלינו — — — לטובה?

אוי! אוי! — —

— — — — — — — — — —

א גאנצע נאכט איז די עדה געשטאנען אויף די פיס, און תהלים און שיר היחוד געזאגט, און אין דער פריה צו שחרית זענען זיי דאך ניי און מונטער געווען און מיט א טיפע תפלה פון הארצען צוזאמען מיט אלע יודען פון דער וועלט, זענען זיי געקומען פאר זייער גאט:

— האר פון דער וועלט, בעניי די הערצער פון אלע דיינע ברואים און קעהר זיי אום צו דינען דיך; שאף אב דאס שלעכטע און דאס נידערטרעכטיגע און זאלען אלע דיך נאט דערקענען און גאט אליין זאל הערשען איבער דער וועלט. און פערבינדערט זאלען ווערען די מענשען; פערשווינדען זאל קנאה, שנאה, שלעכטס,

רשעות, האם און פײַן; בעניי גאט זײַערע חערצער, פול מיט ליבע צו דיר און און אײנער צום אנדערן זאלען זיי זײַן...— -- --

און נאך א תפלה:

שיץ גאט, דײַן פאלק ישראל, דאס שעפעלע צווישען די וועלף; זאל דאס יודישע פאלק ניצול ווערען פון צרות און פיין און זאל שוין געניג זײַן דאס פערגאסענע בלוט...

און באלד בײַט זיך עפּיס אין דער לופט, און אזא מורא בעפאלט אלעמען און די גאנצע עדה קרעכצט מיט, מיט׳ן שליח=צבור:

— לאל עורך דין...

נאר נישט לאנג געדויערט עס, און די מרה=שחורה וואס האט נעהאט די גאנ= צע עדה אײנגעהילט פערשווינדט ביסלעכווייז, ביסלעכווייז און צוריק ווערען מונטער די פּנים׳ער און פרעהליך זיננט אונטער דער גאנצער עולם מיט׳ן שליח=צבור די איבעריגע תפלות..

— — — — — — — — — —

נאר ווידער האט זיך עפּיס שפּעטער א שרעק צ־־ ־ען עולם אריינגעגנב׳עט און דער שליח=צבור פאר׳ן עמוד ציטערט:

— הנני העני ממעש...

און עס ציטערט די גאנצע עדה און שווער שלאגען די פויסטען איבער די הערצער:

— על חטא שחטאנו...

און וואס א מאל שאקלען זיך מעהר די יודען און שרימפּען אין זיך איין, קוקען זיך ארום, ציהען דעם טלית איבער׳ן קאפּ און א שטיל כליפּען הערט זיך:

— ונתנה תוקף קדושת היום..

— מי יחיה ומי ימות... מי בקצו ומי לא בקצו... אוי וועה!

און וואס איז דען דער גאנצער מענש... משול כחרס הנשבר, כאבק פורח... ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין...

נאר באלד בערוהיגט זיך דער עולם, מען ריקט די טליתים צוריק ארויף אויפ׳ן קאפּ... דער חזן זינגט איצט א ליד פון לאנד פון די אבות, פון אונזערע יוגענד=יאהרען...

— היו כורעים ומשתחוים ומודים...

— וכך היה מונה, אחת, אחת ואחת...

— מראה כהן גדול...

און פרעהליך ווערט אויפ׳ן הארצען און זיכער איז מען, אז גאט אונזער פאטער וועט אונז נישט פערלאזען — —

— היום תאמצנו...

— — — — — — — — — —

נעילה...

עס איז די לעצטע מינוטען פון טאג, די זון איז שוין פערשוואונדען אין מערב און נאך איהר זעהט מען נאר א רויטען פײַער=וואלקען וועלכער בעגלײַט זי; די וואונדער=שאטענס האבען שוין אײנגעהילט די וועלט...די נאכט פאלט צו...

נעילה...

די קליינע עדה, אין די ווייסע קיטלען און טליתים בעט די לעצטע תפלה פון גרויסען טאג; פון די גרייסע פונטינע ליכט פאר'ן עמוד און אין דעם זאמד־קעסטעל אויפ'ן טיש ברענען שיין קליינע שטיקלעך און פערשפרייטען אזא אומעט צווישען עולם. טאג און נאכט זענען איצט אויסגעמישט... די לעצטע אקארדען פון יום כפור...

— אוי ויי, אוי וויי, אוי וויי, פתח לנו שער בעת נעילת שער...

א הייליגער ציטער געהט דורך צווישען דער עדה, און פלוצלונג — א שרעק און ציטערניש...

אנ'אפיציר מיט עטליכע סאלדאטען האבען בעטרעטען די שוועל פון דעם קליינעם שטיבעל.

— אט די זשידעס בעטען דא אויף אונזער מפלה.

די ווערטער פון אפיציר זענען געפאלען צווישען די יודען, ווי א בייזער צעטעל פון שטן פון הימעל.

— מיר בעטען גאט, היינט איז יום־כפור!

און זאגענדיג דאס, ציטערען די יודען און פלאטערען און קוים, וואס זיי האלטען זיך אויף די פיס.

— מיר ווייסע שוין אייער בעטען, איהר שפיאנען — האט ווידער געקריצט מיט די צייהן די פריהערדיגע פרעמדע שטים.

— מיר זענען עס נישט, — האט א שטים פון די יודען זיך געבעטען...

די שטים פון אפיציר האט נאך מעהר געצארנט און צו די סאלדאטען זיך ווענדענדיג:

— אויפהענגען זיי!

אלע ווי איינער האבען זיך א ווארף געטהון צו די פיס פון אפיציר:

— האט רחמנות! — —

און אנ'אלטער יוד מיט א ווייסער זילבער־בארד, ווייסע האר, אנגעטון אין א ווייסען קיטעל און טלית מיט א ווייס־נאלדען שפאנע־קאפעל אויפ'ן קאפ און אין א ווייס נאלדענע שפאנע־גארטעל ארום די לענדען, דער שליח־צבור, א גביר פון נאהענטען נוט, איז צו צום אפיציר און געזאגט:

— מיר האבען דא קיין שלעכטס נישט געטון; מיר האבען נאר געבעטען גאט, דען היינט איז געווען דער הייליגער טאג, נאר אייב איהר ווילט עמיצען עפעס שלעכטס טון—טוט עס מיר, דען איך בין געווען דער שליח־צבור, איך האב געבעטען פאר אלעמען צו גאט.

נאר א ווילד־בייזע שטים האט אבגעענטפערט:

— אלע אויפהענגען און דעם אלטיטשקען אויפהענגען און שיסען!

און באלד האבען פיר יודען אין קיטעל און טלית איף זייערע גארטלען אויפ'ן ארון־הקודש געהאנגען, צוויי—אויפ'ן בלעמער, צוויי—אויפ'ן הענגע־לייכטער אין צוויי—אין די איינגענג פון די טירע און ביים לעצטען, ביי דער ערשטער טהיר, איז א גרויסער בלוט־פלעק ביים הארין, אין מיט'ן דער ווייסקייט געיען, וואס האט נעקייעלט אין געקויעלט...

— — — — — — — — — —

דער פאטער יעקב איז שטיל געבליבען... איבער אלע הימלען האט איצט געהערשט אנ'אימה'דיגע שטילקייט... און געהערט האט זיך א שטיל בליפען, וואס האט קיין גלייכען אין צער נישט ...

דער טאטע יעקב האט דעם קאפ איבער'ן שוואַרץ=בוך אראָבגעבויגען, איבער= געמישט א בלאט און שטיל, שטיל ווייטער געלייענט:

II.

לעבעדיגער'הייד בעגראבען.

אין יענער טרויעריגער צייט פאר יידען, איז אין הודש מרחשין, איינ יונג פון דאמביע קיין איזשביצא, געפאהרען א חתן צו זיין כלה, דען געשריבען האט די כלה צום חתן א בריוועלע, וואו זי האט איהם פון איהר בענקשאפט דערצעהלט. פון איהרע ליבע=ליידען, און אז דער חתן האט דאס כלה=בריוועלע איבערגעלייענט האבען זיך אין זיינע אויגען צוויי זילבער=טרעהרען בעוויזען און די נאגענדע בענקשאפט האט זיך אין זיין הארץ נאך מעהר פערשטארקט, איז ער אומרוהיג געווארען און באלד צו זיינע עלטערן צו, און צו זיי געזאגט:

— זייט געזונד טייערע. איך פאהר צו מיין הארץ-געליבטע, צו מיין גליק

האבען די עלטערן מיט שרעק אין די אויגען איהם ארומגערינגעלט:

— וואו פאהרסטו, קינד? אין דער יונג איז דאך אזוי אונזיכער?! פאר יידען איז איצט א שווערע צייט; יודיש בלוט גיסט זיך ווי וואסער... פאהר נישט קינד!

נאר דער חתן האט געענטפערט:

— צוויי נשמות טרייערן, צוויי נשמות בענקען, מיר קאנען מעהר נישט צו= שיידט זיין, איך מוז צו מיין הנה'לען, כ'מוז...

און ער איז פון שטוב ארויס...

— — — — — — — — — —

אויפ'ן וועג פון דאמביע קיין איזשביצא איילט דער חתן צו זיין כלה און זיינע פיס ווערען גאר נישט מיד פון צו טרייבען די רעדער פון זיין רייט=וואגען.

עס איז מרחשון=צייט. עפיס אנ'אינהיימליכקייט הערשט איבער'ן גרויסען טראקט. דער הימעל פון אויבען איז ווי אין שמאטעס איינגעהילט און האט אזא עלענדע דערשלאגענעם אויסזעהן, און די ביימער אויף ביידע זייטען וועג, שטעהן מיט זייערע נאקעטע צווייגען און קוקען, אבגעדארט און אלט אין דער ווייטער וועלט אריין, ווי זיי וואלטען זוכען פון ערגיץ הילף... און אויף דר'ערד דרעהען זיך אלץ אין איין ראָד פון ווינד געטריבען די געלב=אבגעלעבטע בלעטער נאר זיי צופליהען זיך נישט איי האלטען זיך עפעס אזוי פעסט צוזאמען.

און דער חתן פליהט אויפ'ן ראָוער צו זיין כלה — — אבער אויך דעם חתן ווייזט דער ווינד ארויס א ווידערשטאנד און מיט זיינע פליגלען שטויסט ער דאס ראָד ווי אויף צוריק און רייסט די פאלעס פון זיין פאלטא.

נאר עס אַרט איהם גארנישט, דאס אלץ. דעם חתן; ער פליהט איצט אויף א רייט=וואָגען צו זיין כלה, הנה'לע, די שענע יידישע טאכטער, ער זעהט איהר

שלאנקע פיגור, מיט איהר גע קט רינד-בלאנד פנימ'ל, ער זעהט איהרע שענע אויגען אין די הימעל-בלויקייט : וואס ענטפלעקט זיך פאר איהם אין זיי, ער זעהט איהרע רויטליכע קארשען-באקען, די דינע ליפעלעך און דער אייבינער שמייכעל, וואס רוהט אויף זיי... ער זעהט ווי זי ווארט אויף איהם ביי די טויערען פון איזש-ביצא, שוין א גאנצען טאג, ווי זי ווארט אויף איהם, פון פריה-מארגען אן. איהר הארץ האט איהר געזאגט, אז ער קומט.

דאס ראד לויפט ניך, נאך גיכער לויפען ביי א גליקליכען די זיסע פאנטאזעס, און ער זעהט ווי זי דערנעהנטערט זיך צו איהם און ווי זי שטעהט גרייט זיך נאר ארייננצוווארפען אין זיינע ארימס..

— קודא זשיד ! — האט א נאנאיקע איבער'ן קאפ איהם פון חלום אויפגעוואכט אנ'„אוי" האט זיך פון זיין ברוסט ארויסגעריסען און ער איז צו דר'ערד מיט'ן ראד געפאלען...

פאר זיך האט ער איצט א קאזאקען-פאטרול דערזעהן...

— — — — — — — — — —

אין די הימלען איז א שטיקעל בעוועגונג געווארען... דער פאטער יעקב האט דעם קאפ אויפגעהויבען און דערזעהן האט ער ווי דער כסא הכבוד איז אין א ליכט-וואלקען געהילט און נאט כביכול א דערשלאגענער, פול מיט יסורים זיצט אויף איהם און קרעכצט שטיל...

האט דער פאטער יעקב ווייטער געלייענט :

— — — — — — — — — —

... אז דער חתן איז פון איף דר'ערד אויפגעשטאנען האט ער שוין געהערט וועגען זיין גורל —

— שפיאן, גערמאנטשיק.

מען האט איהם אבגעפיהרט צום קאמענדאנט.

פויערים-קינדער, וועלכע האבען די לעצטע צייט זייער קאפ פערלוירען, האבען איהם בעגלייט ביז אהין.

די שולד איז געווען: די פאבריק-פירמע פון ראוועך איז—א דייטשע : דער קאמענדאנט האט דאס אונשולדיגע בחור'ל בעטראכט און א מאך געטון מיט דער האנד :

— לאזט איהם אב !

דאס האבען אבער די פויערים-קינדער נישט געקאנט פערטראגען און זיך מיט ניפט אויף די ליפען צום קאמענדאנט ארייננגעריסען :

— א זשיד בעפרייען ?

האט יענער א שאקעל געטון מיט'ן קאפ צום קאזאקען-פאטרול :

— טוט מיט איהם, וואס איהר ווילט !...

ווי ווילדע טייוולאנים, ווען עס ווערט זיי די שליטה איבערגעגעבען, האבען איצט די דאנער חיות צוזאמען מיט די פויערישע מחבלים איהם אויף די הענד מיט א „הורא" ארויסגעטראגען.

און דאס ענוים-שפיעל האט זיך אנגעהויבען.

די דאנער חיות האבען זיין לייב מיט די נאגייקעס געדרעשט, און פאסע

בלוט האבען זיך באַלד איבער'ן טראַקט געצויגען; די פויערים-מחבלים האבען איהם ווידער מיט נאָדלען אין שפּילקעס געשטאָכען. די האָר איינציגווייז פון קאפּ געריסען, שטיקער פלייש אויסגעפּליקט, זאַ ק אין די אוינען אריינגעגעשיט.

יעדעס ווארט זיינס — אַ ; מיט אַ געלעכטער בעגעגענט געווארען; יעדערער הילף-רוף — מיט נייע ענוים...

— חנה'לע! — האט דער חתן שטיל או סגעשריגען און שוין געבעטען איף זיך דעם טויט...

— גראָב דיר אַליין אַ קבר אויס! — האט ער געהערט אַ בעפעהל.

מיט די לעצטע כחות האט ער מיט'ן שפּאַרעל אין דר'ערד געגראבען, דאס קבר איז באַלד פערטיג געוואָרען...

זיי האבען איהם דאַן די הענד אַרונטערגעבונדען און אין די שטריק פון הינטען אַ פלאָקען אַריינגעדרעהט...

— איצט לעג-דיך אַריין!

ער האט זיך אַליין אין קבר אריינגעלעגט; די מחבלים האבען דעם פלאקען פון הינטען אין דר'ערד אריינגעקלאפּט און דאס קבר פּערשיט...

מינוטען-לאַנג האט מען נאך פון קבר אַ שטיל געדעמפּט קול געהערט:

— חנה'לע! חנה'לע!

— — — — — — — — — — — —

ביי די טוירען פון דער שטאדט איזשביצא וואנדערט נאך אלץ ארום חנה'לע און ווארט אויף איהר חתן... נאר אין איהרע אויגען זעהט מען שוין מעהר נישט די הימעל בלויקייט... ווילד, שטאר זענען זיי און מיט אַג'אומהיימליכען געלעכטער בעגעגענט זי יעדען פערבייגעהער:

— איך ווארט אויף מיין חתן... ער פליהט אונטער'ן הימעל... איהר זעהט? — חא-חא-חא!...

* * *

יעקב אבינו האט איצט איין האַנד איבער די אנדערע איבערן שוואַרץ בוך איבערגעלעגט, דעם קאפּ נאך מעהר אראבגעבויגען, — ווידער איבערגעמישט אַ בלאט און פארגעלייענט:

III.

אויפ'ן שייטער-הויפען.

דאָס איז געווען אין יענער טרויעריגער צייט פאַר די יודען פון פּוילען, ווען אַ ווילדע מחנה פון דאָנער קאָזאַקען האט זיך געלאָזט ווי רויב-חיות איבער די יודישע שטערט און שטעדטלעך.

דאָס איז געווען זעהר אַ טרויעריגע צייט, בלומען האָבען דעמאָלט אין די גערטנער פערוועלקט; זינגפייגעל זענען דערשטיקט געוואָרען; ביימער און בליטען האָבען אָבגעדאַרט; די געזיכטער פון יונגע קינדער זענען ווי פאַרמעט געל געוואָרען און מיט קנייטשען פערצויגען; איבער די וועגען האָבען זיך ברייטע בלוט-שפּוי-

רעֶן אָהן אַ סוֹף געֶצייגעֶן; די הימלען האָבעֶן ווי שטאַר צו דר'ערד געֶקוקט או די וואָלקענס אינטער זיי זעֶנען ווי פערגליווערט געשטאנען און זיך ניט פון אָרט געֶריהרט...

און ווילד בלוט האָט זיך ווי וואַסער געֶגאָ־סען, וואו די רויב־חיות זענען א דורך, דאָרט איז פערניכטונג און טויט געבליבען. יעדעס לעֶבען האָט מען או־בערגעהאַקט, יודיש האָב־און־גוטס צוטרעטען און צוּבראָכעֶן און די עהרע פון יודישע אומשולדיגעֶ קינדער—בערויבט.

און געשעהן איז דאָס אין דער שטאָדט ב. אין דער צייַט צווישען ראש השנה און יום כפור.

די זון האָט פריה מאָרגען מאַט און טרויעריג איהרע שטראַהלען איבער' בית־המדרש אין מיטען דער יודישער גאַס געוואָרפען, דאָס בית־המדרש אין איצט פול מיט מתפללים געוועֶן, דען די טעֶג זענען דאָך גרויסע, טעג צווישען ראש השנה און יום כפור, און הייַנט האָט דער עולם געבעטען.

און ביי די לאנגע טישען זענען בחורים געזעֶסען און גאָט'ס תורה געלערנט, די איידעלע קינדער האָבען זיך די לאַנג־געקרייַזעלטע פאות געדרעהט און אין דער סוגיא פון דער גמרא פעֶרטיעפט, און מעלאַנכאָליש האָט געקלינגען די שטימע:

— אוי, אוי, אוי, אמר אביי...

און געבראָכעֶן האָבען זיך די שטימעֶן מיט עהגליכע פון די קעגען־איבער:

— תנו רבנן...

און פעראייניגט האָט זיך דאָס אלץ אין איין האַרמאָניע מיט דעם געבעֶט פון שליח־צבור:

— אבינו מלכנו...

איין געזאנג־געבעֶט צו גאָט...

— — — — — — — — — —

א מחנה פון איין־פאה'דיגע רויב־חיות איז פערבייַ פאר'ן בית־המדרש און א ווילד געלעֶכטער האָט אָבגעֶהילכט:

— זשידי, גערמאנטשיקי!

אין באלד האָט דאָס גאנצעֶ בית־המדרש זיך געבויגעֶן און געוואָרפעֶן...

א זאלפ איז געֶפאלען.

און ווידעֶר א ווילד געלעכטער:

— די יודעֶן בעטען אויף אונזער מפלה; מיר וועלעֶן זיי ווייַזען!

אין בית המדרש האָט איצט א שרעק אויסגעֶבראָכען, די דערשראָקענעֶ יודען האָבעֶן גענומען לויפען אין אלעֶ זייַטען. נאָר באלד זענען די רויב־חיות אויף די פערד אוועק צו די טירען און פערשטעלט די אויסגענג:

— קודא, געֶרמאנטשיקי?!

ביטערע יללות האָבען זיך איצט איבעֶר דער גאנצער גאס געטראָגען, און פון צווישען די יללות האָט מען געהערט דאָס כלאַפּען פון די האמערס איבעֶר די געֶ־נעל, דאַס האָבעֶן די רויב־חיות טירען אין פענסטער מיט ברעטעֶר פערקלאפּט.

דאָס גאַנצע שטעֶדטעל איז פערציטערט געוואָרען, די געוואַלדען פון בית־

המדרש אַרויס זענען ביז אונטער'ן הימעל געגאנגען, נאָר דער הימעל איז שוין פערשטאַרט און האַרט ווי קופער געווען און די קולות האָבען איהם נישט דורכגעשפאָלטען.

באלד האבען די רויב־חיות נאָפּט געבראכט און דאס בית־המדרש פון אלע זייטען אונטערגעצונדען...

דעם גאנצען טאג האבען זיך די רויך־וואלקען און די פלאמען צוזאמען מיט די וועה־געשרייען פון די הייליגע נשרפים איבער'ן גאנצען נעגענד געטראגען, און די דאנער חיות האבען עס מיט'ן גרעסטען נחת צוגעקוקט און א ווילד געלעכטער האט זיך פון צווישען זייערע צייהן ארויסגעריסען...

און, אז די זון, נאכדעם ווי זי האט דאס אלץ צוגעזעהען, איז אונטערגעגאנגען, האבען אויך די לעצטע בוילען שוין געהאט אבגעברענט...

אין דער פריה איז אין אש פון בית המדרש געלעגען אויסגעמישט דאס אש פון צעהן בחורים און פיערציג ספרי־תורות...

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער פאטער יעקב האט מיט דער האנד א בעוועגונג געמאכט ווי נאך א בלאט איבערצומישען, נאר דא האט ער דערזעהן ווי דער ליכט־וואלקען ארום כסא הכבוד האט אַ ציטער געטון, און די שטימע פון כביכול האט זיך געהערט:

— גענוג פאטער יעקב, פערמאך דיין שווארץ־בוך און לייען מיר נישט מעהר דען אזעלכעס קאן נאט אליין אויך נישט אויסהערען.

און איהר מלאכים, כרובים שרפים, נישט זינגט פאר מיר שירה מעהר, נייע קדושים קומען אן, פאר זיי זאל אייער לויב זיין געהט זיי אנטקעגען אויף די ייעגען פון פוילען און גאליציען, ווארט זיי אויך אב ביי די טויערען פון הימעל און לויבט זיי און שפרינגט פאר זיי!

— קדושים, קדושים קדושים—מלוא כל הארץ כבודם!...

און א נייע גן־עדן בויט אויס פאר זיי. לויטער זונען זאלט איהר עס בויען, פון זוגען זאלען די ווענד זיין, פון זונען זאל אויך דער באדען זיין און מיין ליכט־וואלקען וועל איך בעפעהלען, ער זאל איהם פון אויבען צודעקען...

און צום מלך דוד געהט און וועקט איהם אויף פון זיין דרימעל און זאגט: דיינע קינדער קומען אן, קדושים פון דער וועלט, די הייליגסטע נשמות, שטעה אויף מלך דוד, און געה זיי אנטקעגען און שפילען זאלסטו זיי אויף דיין פידעל דיין ליד.

און מרים הנביאה רופט, און זאל זי אויך זיי מיט פויקען אנטקעגען נעהן, און זאלען ציטערן די הימלען פון דעם פריזען און לויבען:

— קדושים פון דער וועלט, קדושים פון דער וועלט!

און אהר אבית, געהט אין אייערע היכלות און טרויערט נישט מעהר און ווארט אויף א בעסערע צייט, ווען זי וועט קומען...

* * *

די אבות האבען זיך פון דר'ערד אויפגעשטעלט, יעקב אבינו האט גענומען דאס שווארץ־בוך אונטער'ן ארים און זיי זענען אין זייערע הכלות אין גן־עדן צוריקגעגאנגען...

אויף די וועגען אין פוילען.

(ווען דער טייוועל האט געלאכט...)

* * *

ווען דער טייוועל האט געלאכט...

— — — — — — — — —

עס איז געוועזן אין זיין טאג דער גרויסער, ווען געקיניגט האט ער פון אנהויב וועלט ביז איהר עק, און געזעסען איז ער אויפ'ן כסא־הכבוד און דער גיהנום-כתר אויף זיין קאפ און געדונערט האט זיין שטים:

— אבדון! אבדון!

עס איז געוועזן אין זיין טאג דער גרויסער, ווען דער בורא האט צו דר'ערד געקוקט און געזעהן זיינע מעשי־ידיו, אז זיי זענען פול מיט זינד. די מענשען האבען זייערע וועגען פערדארבען, דער אור-לבוש איז פון זיי אבגעטון און דער יצר אין די אויגען גליהט. די ערד אין איהרע פערגנינגענס איז זייער בעגעהר און קיינער פון זיי הויבט זיינע אויגען צום הימעל אויף—איז גאט אין זיין גרימצארן געקומען, די הענד פערבראכען און צום שטן איז זיין ווארט געווען:

— קום, משחית, שטעה־אויף, נעהם די ממשלה איבער, אלץ איז אין דיין רשות, פערגעלטיג די מענשען פאר זייערע שלעכטע מעשים, נאר די מעשי בראשית זאלסטו אבהיטען, זאלסט דו וועלט צו תהו־ובהו נישט אומקעהרן...

איז דער שטן ארויס פון פאר גאט און געלאכט, ווילד געלאכט, אזוי לאכט אנ'עבד־כנעני, ווען ער ווערט א מושל...

עס איז געוועזן אין זיין טאג דער גרויסער, ווען די שכינה געבויגען און גע־בראכען, האט גענידערט, כביכול, פון־כסא הכבוד. דאס פנים מיט קנייטשען פול, דער קאפ טיף אויפ'ן ברוסט געזונקען און איז אוועק, דאס געזיכט מיטביידע הענד פערדעקט, ווייט ווייט, ערגיץ־וואו אין א הימטל־וויסטקייט אום דארטען צו ווי־נען און צו קלאגען אויפ'ן גורל פון איהרע קינדער...

און געוועזן איז, ווען פערלאזען האבען איהרע טריט די שוועל פון ערבות־הימעל האבען פערוואגעלט נאך איהר אלע כרובים, מלאכים און שרפים, מיט צוויי פליגלען האבען זיי דאס פנים פערשטעלט, מיט צוויי פליגלען די פיס און מיט צוויי האבען זיי אין טרויער געשוועבט.

האבען פערלאזען אויך די היכלות אלע זונען, ליכט־וועלטען און אור־זיילען, זענען ארויס באלד פון גן־עדן אלע צדיקים. האט משיח בן דוד זיך פון די קייטען אבגעריסען, נאך דער שכינה נע־ונד צו זיין... נאר די שכינה האט זיך אין א טרויער-וואלקען געהילט, דען נישט געוואלט האט זי, מען זאל זי אין איהר צער זעהן...

איז פינסטער אין אלע הימלען געוואָרען, אַ שטאַק פינסטערניש אין אַ טרויער און אַ וויסטקייט האָט אין די לעדיגע הימלען געשראָקען ...

עס איז געווען אין זיין טאָג דער גרויסער, ווען אַ גרויסע שוואַרצע ליכט איז פון דער גיהנום־וועלט אויפגעגאַנגען און נאָך איהר אַ שוואַרצער פייער־זאַל און אַ ווילד הירזשעריי האָט זיך איבער אלע הימלען געטראָגען.. און באַלד איז דער שטן, געטובלט אין אַ ים פון שוואַרץ־בלוט אַרויס אויפ׳ן ראַנד פון תּהום און דער גיהנום־כּתר אויף זיין קאָפּ. די רבוא רבבות בני השטן צוגויפגערופען און אוועק איז ער מיט זיי אין די לעערע הימלען, דעם איבערגעלאָזענעם שרביט אין דער האַנד גענומען און געדונערט האָט זיין שטים:

— אבדון! אבדון!

און באַלד האָט ער זיך הויך און ווילד צולאַכט, האָבען מיטגעלאַכט די רבוא רבבות בני השטן, האָט די וועלט אַ ציטער געטון און אַ בלוט־רעגען האָט זיך אַראָבגעלאָזט ...

איז די האַנד פון איין ברידער אין אַנדערן געווען, פערצווייפעלט האָבען זיי געראַנגעלט ביז זיי זענען טויט געפאַלען, איז דאָס בלוט גערינען איבער פעלד און וואַלד, באַרג און טאָל און קיין רוה נישט געפונען ...

נאָר דער שטן האָט נאָך אַלץ פון געלעכטער דאָס מויל פעררִיסען געהאַלטען און די הענד אויף די זייטען... און דער הימעל האָט מיטגעלאַכט, און פון געלעכטער זיך געוויגט ... און אויך די ערד האָט חניפה׳דיג פון געלעכטער זיך געקייקעלט און איהר מויל ברייט געעפענט און געררופען:

— נאָך בלוט! נאָך בלוט!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָט דער טייוועל געלאַכט ...

* * *

און דער טייוועל האָט געלאַכט ...

— — — — — — — — — — — — — — — —

טרויעריג זענען די וועגען אין פּוילען. די קאַשטאַן־בוימער אויף ביידע טראַקט זייטען, זענען איינגעדאַרט און אין אבלות געהילט און די ווייסע שאָסעע־שטיינער זענען פערחושכט. ווער פון זיי איז אַ תּליה־בוים געווען, ווער אַנ׳ערות אויפ׳ן אונשולדיג פערגאָסענעם בלוט, און דער ווינד פּייפט צום טאַקט צו און בּרימט אויס די לעצטע גסיסה־געשרייען: „אחד־ד־ד!", וועלכע ווילען נישט פערשווינען ווערען ...

עס איז געווען אין דער צייט ווען די בני השטן, די בלוטיגע האַרדען האָבען זיך קיין פּוילען אַריינגעלאָזען און דאָס בלוט פון די קינדער פון מיין פאָלק האָט זיך געגאָסען טייכענווייז; עס איז געווען אין דער צייט, ווען פערשאָלטען האָט די יוגענד דעם טאָג פון געבוירט, און די זקנים האָבען דעם טויט אויף זיך געבעטען. ווער עס האָט נאָר אַ מעסער אַליין איבער זיין האַלז געפיהרט; עס איז געווען אין דער צייט, ווען פערשאָלטען איז געוואָרען די זון אין איהר איינגאַנג, און געבענטשטע האָבען טויזענדער ליבען:

— הלואי ויאלט זי נישט אויפערשיינען מעהר און די וועלט וואלט אין דער פינסטערניש זיך אויסגעגליטשט! — — —

עס איז געווען אין דער צייט — — — נאר איבער יענער צייט שווייגען די מענשען, דען שרעק פיהלט אין זייער הארץ... נאר צו וואס די מענשען, ווען די שטיינער רעדען, ווען די צוויגען פון די פערדארטע תליה-בוימער שאקלען מיט די קעפ' אמת, אמת, ווען די קאלך-שטיינער ווייסען דעם סוד פון די בלוט-שפורען... צו וואס די מענשען, ווען דער ווינד דערצעהלט אלץ אין טרויער...

לאמיר זיך צוהערען וואס זיי רערצעהלען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אזוי האט דער טייוועל געלאכט...

I.

באנד.

ווען דער טייוועל האט געלאכט...

— — — — — — — — — — — — — — —

אונשולדיג-הייליגער, טראגיש-גרויסער אברהם-יעקב באנד!...

גרויס ביזטו אין דיינע לייהען געווען, שטארק אין דיין טויט!...

און ווייס: דיין יונג-אונשולדיג בלוט וועט געפאדערט ווערען, פאר דיינע לייי-דען איז א פערגעלטיגונג דא...

וועט קומען יוען די צייט, ווען דער נוקם וועט געבוירען ווערען, דער נוקם פאר דעם אונשולדיג-פערגאסענעם בלוט, וועט ער פריהער אויף דיין קבר קומען און א שבועה דארט פאר זיין פאלק אבגעבען...

איף דיין קבר, באנד, וועט דער נוקם געבוירען ווערען...

* * *

קומען וועלען אנדערע צייטען.

קומען וועט א דור פון נייע יודען, יודען מיט פריש בלוט, מיט ווארימע הער-צער, מיט א ווילען א הייליגען: א פאלק צו זיין! — קימען וועט א דור פון אדלער-נשמות, בעגייסט אויפגעלעבט און איפערוואכט...

א נייע זון וועט אין מזרח אויפגעהן...

און אין דעם נייעם דור, וועט געניג זיין, ווען עמיצער וועט א זאג טון: באנד! — און טויזענדער הערצער וועלען מיט כעס און נקמה זיך אנפילען...

און דאן וועט דער נוקם געבוירען ווערען...

* * *

איך זעה דיך, גרויסער נוקם, דיין נקמה אבער נישט. איך האב צוקונפטס קינד, דיין באלק אין לייהען געזעהען. די תליות אין די יודישע גאסען, די שוועס-טערן אין צער, די פערוואגעלטע אויף די וועגען און קען מעהר די נקמה נישט, איז דען נישט אלץ קליין און מילבוג אין פערגלייך? — ניין, אזא נקמה האט גאט אין די טעג פון מעשי בראשית נישט געשאפען...

צוקונפט-נוקם! מיין האנד דיר! זאל דיין פלאן ווי טייוולאניש זיין! — דאס

אברהם יעקב באנד

פון קאָלאָ (קאַליש. גוב.)

56 יאָהר אלט, געלאָזען אַ פרוי מיט 6 קינדער.

שוואַרצסטע בלוט... קינדער אין די וויגען... דו ווערסט אההאָר קוים דערגרייכען...
נאָר אפשר וועט דער אל־נקמות, גאָט אין גרימצאָרן אליין נידערן מיט זיין שווערד און דער אלהי־ישראל וועט אונזער צער אויפמאָהנען...

* * *

באַנד!

איך דיין מצבה שרייב איך די ווערטער, דיין קול פון קבר, לדורות אויף: ווייסט יודען!

ווייסט יודעי מיינע ליידען זיי זאָלען נישט פערשוויגען ווערען.

ווייסט יודען: י"ג חשון תרע"ה, ווען אַ ביטער אומגליק האָט מיין נעסט בעזוכט; ווען פון אַ שראַפּנעל געטראָפען איז געפאַלען מיין יוגענד־בלום, מיין 16־יעהריגע טאָכטער רבקה, און דער מיר אזוי ליבער קערפּער איז נאָך וואַרם געווען, האָבען זיי שוין אויף מיר זייער שפּיל צוגעגרייט, מיך—פאַר אַ שפּיאָן־עוזאל אויסגעקליבען, קיין כאַדראָוואָ אָבגעפיהרט, און דאָרט צום עלסטען פון די רויב־חיות מיך איבער-געגעבען.

ווייסט יודען; די ביימער אין כאַדראָווער וואַלד וועלען דורי־דורות מיינע ליידען דערצעהלען. זיי האָבען געזעהן ווי מען האָט מיך גע־מוטשעט און געפּייניגט. זיי האָבען געזעהן ווי מען האָט מיר האָר ביי האָר געריסען; אין פּנים געשפּיגען; די פינגער ארונטערגעבראָכען, אנ־אויג אויסגעשלאָגען און דעם קאָפּ צובייטלט...

זיי האָבען געזעהן ווי מען האָט מיר די הענד אין פיס מיט דראָהט ארונטער געבינדען, פון מיר אַ קריפּעל געמאַכט, און אויף אַ פוהר קיין קוטנא אוועקגעפיהרט...

ווייסט יודען: אויפ'ן ויעג האָבען מיינע פּייניגער זייער שפּיל ווייטער געטריבען. איז פון דער באָרד שוין נישט געבליבען האָבען זיי די האָר פון קאָפּ מיר געריסען, מיט שפּילקעס אין האַלז מיר געשטאָ־כען, מיט נאַגייקעס געשלאָגען, מיט די פיקעס צולעבערט...

דער הימעל האָט מיינע געשרייען נישט געהערט, דע־פאַר האָבען זיי די אכזרים נאָר פריינד פערשאַפט און אַ הירזשערי-געלעכטער האָט אויף מיין יעדען „אוי!" אָפּגעענטפערט. און האָבען מיר יודען פון רחמנות אַ גלאָז טיי דערלאַנגט האָט איינער פון מיינע פּייניגער, אַ קאָזאַק אַ ווילד־דער, מיר עס פון מויל אוועקגעריסען, אין פּנים געוואָרפען און איי־ניגע צייהן איסגעהאַקט.

איך האָב די שעה פון טויט ווי אַ ג'ערלייזונג געזעהן און נאָך איהר געבענקט... מיינע פּייניגער האָבען אָבער דאָס נישט געוואָלט, עס איז זיי דאָס שפּיל אַ שאָד געוועזען. און מיך צו אַ פויער אבגעפיהרט און הינטער אַ טיש געוואָרפען, דאָן אין אַ חזיר־שטאַל פיר־און צוואַנציג שעה געהאַלטען, און די ענויים האָט קיין סוף נישט גענומען...

ווייסט יודען: ענדליך האָב איך די שעה פון טויט דערזעהן. מיינע פּייניגער האָבען בעשלאָסען מיך לעבעדיגערהייד צו בעגראָבען.

דא הינטער קראדאווא האבען זיי מיר א קבר געגראבען, אריינגעלעגט.
דאס מויל מיר מיט זאמד אנגעפילט און אזוי מיך פערשאטען.
ווייסט דאס יודען!

— — — — — — — — — —

אזוי האט דער טייוועל געלאכט...

II.

שמיין.

ווען דער טייוועל האט געלאכט..

— — — — — — — — — —

ווע מיר לאוויטש־ליב, דו לעגענדען־לאנד, ווע מיר פון דעם וואס דו האסט צוגעזאגט, ווע מיר דערפון, וואס איוף דיין טייל איז אויסגעפאלען.

ווע מיר בזורא־מיין, וואס דיינע וואסערן פליסען אזוי שטיל און זינגען דאס פירשטענטום־ליד, דעם פארבען־מזמור, ווע מיר פון דעם בלוט וואס האט זיך אויף דיינע ברעגען געגאסען און אין דיינע וואסערן געפאלען, ווע מיר פון דיין נייעם בלוט־ליד...

אבער ווע מיר פון אלעם, דאס בלוט פון מיינע ברידער. דער צער פון מיינע שוועסטער, די תליות אין דיינע מערק אין די שמיין ברייש־גלי..

און פון די שמיין וויל איך איצט דערצעהלען:

*

שטן־שיגארין איז די נאכט געוועזן. פון פעך געגאסען—דער הימעל, שווארץ אין פינסטער. ווי טויזענדער רבוא רבית טייוולנים ויאלטען מיט זייערע פליגלען זיך צושפרייט, נאר אין דער פינסטערקייט האבען די שטערען מיט אייגען סודות־פיל צום שטעדטיל אראבגעקוקט אין שטיל, שטיל איבערגעגעבען:

— מען האט עס ערשט געהערט אין הימעל שטעדטיל שענס, א בייזער גזר גרייט זיך איוף דיר, יודיש שטעדטיל שטארק זיך אין דיינע ליידען.

האט דאס שטעדטיל א ציטער געטון און אין א טיפער טרויער זיך איינגעהילט ...

און באלד האט זיך א שווער געקלאנג געהערט, נישט קיין גלאקען־געקלאנג פון איינע פון די דרייצעהן קירכעס. איך נישט פונ׳ם אלטען קירכען־גלאק וואס ווי ס נאר פון די פערגאנגענע שווערע צייטען צו דערצעהלען, אנדערש איז דער קלאנג געוועזן... א קייטען־געקלאנג...

האט דאס שטעדטיל אין מיטען נאכט ערוואכט און דעם מאר־נען אבגעוואַרט און אז די ערשטע העלע־שטראהלען האבען אין דער פינסטערניש פון דער סוף־אלול נאכט זיך דורכגעריסען, האט שוין דאס שטעדטיל גערוישט:

— צוויי יודען געבראכט... פון קוטנא זאגט מען... שפיאנען זענען זיי...

און פון פעבעל שטימען:

— מען וועט זיי שמייסען... הענגען ...

איז דאס יודישע שטעדטעלע שטיל אין טרויער געבליבען, די געוועלבער

אברהם דאָמאַנאָווי̇טש

פון קוטנא.

28 יאַהר, פֿערהײַראַט, גע̇שמי̇סע̇ן געוואַרען אי̇ן לאָווי̇טש און א פּאָר טאָג. שפּעטער געשטאָרבע̇ן.

האבען זיך שיין ס'רוב נישט געעפענט. אין א מנוחה פון טויט האט איבער אלעם עשוועבט...

נאר נישט טרויער בלויז און שרעק,- אויגען מיט בליט פערגאסען האבען זיך איבער־געקוקט, ליפען פערביסענע האבען שטיל געמורמעלט און פויסטען האבען זיך אין די לופטען געהייבען.

שטיל. אלץ ווארט. קיינער רעדט קיין ווארט. מען קוקט זיך אן, דער בליק זאגט איצט אזוי פיל, אזוי פיל... נאר א שטורם ווינד רייסט און פייפט, וויגט די הייזער, די גאסען, ווי בוימער אינ'ם וואלד...

איז ער, דער ווינד, דער אויסדרוק פון שטורם אין די הערצער?...

*

אלט און יונג איילט צום נייעם מארק. שטים לייפען אלע אהין.- ווער פון פעבעל זאגט עפעס א גיפטיג ווארט, א יוד וויל ענטפערען און פערבייסט די ליפען.

אין מיטען מארק, אין מיטען א מענשען=עגול ליגען זיי, די צוויי קרבנות, צוויי ברידער מוטער=נאקעט או די אכזרים מיט נאגייקעס הירזשען פון געלעכטער אין דרעשען זייערע לייבער...

און ווען די האנד פון די אכזרים האט זיך אבגעשטעלט האט דאס פעבעל זיך אין טאנץ געלאזט, ווער עס האט זיי מיט די פיס געטרעטען, ווער אין פנים גע=שפיגען, מ'ט שפילקעס געשטאכען, געקריצט מיט די ציינער און געלאכט, געלאכט...

הדשים=לאנג איז איינער צו בעט געלעגען; דער צווייטער איז נאך צוויי טעג געשטארבען...

— — — — — — — — — — —

אזוי האט דער טייוועל געלאכט...

IR.

אברים'וויז.

(דיאלאג)

ווען דער טייוועל האט געלאכט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אויפ'ן וועג צווישען צוויי פוילישע שטעדטלעך, א יונגער יוד בעגעגענט זיך מיט אנ'אלטען יוד, אנ'אדם=חשוב.

יונגער יוד: ווי? ר' חיים?

אלטער יוד: ר' חיים! ר' חיים! איך בין רפי חיים!

יונגער יוד: טאקי?! אזוי זיך געענדערט? — ממש נישט דער אייגענער!

אלטער יוד: דער אייגענער, נישט דער אייגענער א נפקא=מ'ניה... דער עיקר האסט געזעהען?

יונגער יוד: וואס?

אלטער ייד: עט, גאר נישט נאַרישקייטען...

יונגער ייד: דאָך? וואָס?

אַלטער ייד (אייפ׳ן אויער): בעהאלט דיך!

יונגער ייד: פאַר וואס עפּים זיך בעהאלטען?

אַלטעֶר ייד (מיט שרעק): שאַ—שאַ—שאַ...

יונגער ייד (ציטערנדיג): ר׳ חיים, איהר רעֶדט עפּים היינט אזוי מאָדנע. כ׳דערקוּען איִך כמעט גאר נישט.

אַלטער ייד: דערקענסט ווידער נישט, שווייג! שווייג! מען קאָן נאָך הערען.

יונגער ייד: פאַר וואס שווייגען? וואס וועֶט מען הערען?—

אַלטער ייד (מיט כעס): שווייג!

יונגעֶר ייד (ציהט די אַקסלעָן)

אַל׳טער ייד: ווער ביזטו?

יונגעֶר ייד: דאָס איִז גוט? איִהר רעֶדט שוין מיִט מיר אַ שען שטיקעֶל צייט און איהר ווייסט גארנישט ווער איִך בין.

אַלטער ייד: נו, זאָג שוין!

יונגעֶר ייד: משה.

אַלטעֶר ייד: יוסף׳ס חבר.

יונגערי ייד: נו, יאָ.

אַלטער ייד: זיִכעֶר?

יונגעֶר ייד: איהר ווייסט דען אַליין ניִשט?

אלטעֶר ייד: מען דאַרף גאר נישט וויסען. קיינער ווייסט ניִשט. גאָט אַליין ווייס אויך ניִשט.

יונגער ייד: ר׳ חיים, וואס רעדט איהר אַזעלכע דבורים. קוֹרע זיך צו זייַן.

אַלטעֶר ייד: שווייַג! די וועֶלט געהט אונטער! כא־כא־כא! אונטער! אונטער!!

יונגער ייד: ר׳ חיים?—

אלטער ייד: (זיִנגט) לייַ־דיי־דיי, די־דיי־דיי... די וועלט געהט אונטער מיט אלע רשעים... מיט אלע משחיתים... צדיקים אויך... תמות נפשי... (זיִנגט) ליי־דיי־דיי די־דיי־דיי... ווי האט ער זברונו לברכה געזאגט: ווען עס וועט קומען דער טאג, נעדענקט חסידים׳לעֶך און נעהט נקמה איִן די רשעים... אלץ געהט מיט׳ן קאפּ... איך וועל איצט נעהמען נקמה... נקמה! נקמה!... אזוי וועָל איך זיִך ווארפען אויף זיי מיִט די פויסטעֶן... אזוי... (ווארפט זיך אויף איִהם).

יונגעֶר ייד: (טויט דעֶרשראקען ציטעֶר אין גאנצען) ר׳ חיים, ר׳ חיים. וואס איז מיִט אייך? וואס פעהלט אייך?

אלטער ייד: חיים, חיים! אוי למה נתתי לי חיים!... איִך וויל שוין אזוי שטארבעֶן!... נייַן! כ׳וויל לעבען, לעבען און זיִנגעֶן, זינגען און טאנצען, אט אזוי... (זיִנגט) ליי־דייַ־דיי, די־דיי־דיי... (הויבט אויף די פּאלעס זיִנגט און טאנצט. א פּעֶקיל פעֶרבינדען איִן א רויטער פערטשיילעֶ פאלט איהם אפּויר פון אונטעָר׳ן ארים. משה בייגט זיך איַין, עֵס **אויפצוהייבען**).

אַלטער ייד (מיט אַגיבע בעייעגונג) דאָס נישט! דאָס נישט!

יונגער ייד: (מיט השר): וואָס איז דען דאָס?

אַלטער ייד: (קוקט זיך אַרום, שטיל) יוסף'ס האַנד, מיין איידעם יוסף'ס האַנד.

יונגער ייד: (פערוואונדערט): האַנד??—

אַלטער ייד: שאַ-שאַ-שאַ, כ'האָב עס אַליין געזעהן... זיי זענען אַריין די קאָזאַקען, די בלוטיגע חיות, אין זיין חדר מיוחד און איהם געטראָפען ביי דער גמרא ער האָט געלערנט שטענדיג האָט ער דאָך געלערנט, לא פסק פימיה מגרסא... האָבען זיי גערעדט צו איהם, נאָר ער האָט נישט געוואָלט מפסיק זיין, האָבען זיי איהם מיט די שווערדען צושניטען אויף שטיקער... כ'האָב עס מיט מיינע אייגענע אויגען געזעהן... אין קאָפּ האָט זיך עפּיס בעמאָלט ביי מיר אַ דרעה געטון... עפּיס ביים מח... ווי עמיצער וואָלט אַריינגעשטעקט מיר די האַנד אין קאָפּ אַריין און דאָרט אַלץ איבערגעדרעהט... האָב איך מיך אַרומגעקוקט און אַז זיי האָבען נישט געזעהן האָב איך געכאַפּט די האַנד, יוסף'ס רעכטע האַנד, זי גיך איינגעפּאַקט אין דעם רוטער פּערטשיילע און אַנטלאָפען... אַט זעה זי (עפענט אויף די פּערטשיילע) עס איז דאָך מיין יוסף'ס האַנד... וואָס? משה, אַ לחיים!... ליי-דיי-דיי, די-דיי-דיי... (זינגט און טאַנצט).

יונגער ייד: (צעוויינט זיך אויפ'ן קול) ברוך דיין האמת! אַזאַ אומגליק, ר' יוסף אויף שטיקער צושניטען, ר' חיים משוגע, אוי מיר!...— — —

— — — — — — — — — — —

אַזוי האָט דער טייוועל געלאַכט...

IV.

פון בוים אַראָב.

(מאָנאָלאָג).

ווען דער טייוועל האָט געלאַכט ..

— — — — — — — — — — —

וואָס איהר ווילט וויסען ווי ס'איז געוועזען? — גוט. איך וועל אייך דערצעהלען. וואָס, אויב דאָס דערצעהלען וועט מיר פערשאַפען יסורים? נו, ווי מיינט איהר, ריהר אַן'אָפענע וואונד אָן און עס זאָל נישט שמערצען? דערמאָהן אַ יתום אין טויט פון זיינע עלטערן און ער זאָל נישט יאָמערן? — — —

נאָר גענוג, אַ שבח והודיה צים בורא, וואָס כ'דערצעהל עס אין פריידען; אַ שבח והודיה—וואָס איך אַליין קאָן עס דערצעהלען, איך, וועלכער בין שוין אַזוי נאָהענט געשטאַנען צום טויט...

ווי ס'איז געוועזען? —ס'איז נאָך סוכות געוועזען. אין אַנ'אָווענד זענען מיר אַזוי געזעסען איך און מיין פאַמיליע צוזאַמען, ווי עס קומען פּלוצלונג אַריין צוויי סאָלדאַטען, קוקען זיך אַרום און זאָגען צו מיר: קום! — וואו? וואָס ווייז? מען

הערט נאר איין ווארט: „קום צום קאמענדאנט!“ -- פאלט אוף מיר אנ׳אימה אן, דאס ווייב חלש׳ט, די קינדערלעך קלאגען. האב איך זיי נאך געמוזט בעריהיגען. איינגערעדט זיי דאס, יענס, און אליין מיט אַ שווער הארץ געקושט די מזוזה און ארויס.

כ׳קים אהין—אַ גאנצער פערהער. באשר כ׳בין אַ שפיאן. מען וואַרפט מיר פאר פערשידענע הטאים. רעדען לאזט מען מיך נישט און באלד א בעפעהל: צו בינדען צו א בוים אין גאָרטען, צו דער תליה גרייט! —

ווערט מיר אבגענומען הענד און לייב. אזא מעשה. תליה! וואס איז דא געשעהען? — וואס טוט זיך עפּים דאָ?

און מלאכי חבלה זענען שוין דאָ, מען פיהרט מיך שוין אין גאָרטען אריין צו אַ לעדיגען וויסטען הערבסט-בוים, צוגעבונדען פעסט די הענד ארונטער, די פיס איינעם איבער׳ן אנדערן און געהן אוועק.

קוק איך מיך ארום און הויב אויף די אויגען צום הימעל און צעוויינט זיך הארציג: רבונו של עולם, זאג איך, קומט מיר אַנ׳עונש, טא שטראף מיך אין דער היים, קומט מיר אפילו טויט-שטראף, אפלה נא מיד ה׳, לאמיך פאלען פון דיין האנד גאט, ומיר אדם אל אפולה. נאר נישט פון א מענשענס האנד און נאך דערצו פון אזעלכע משחיתים.

זענען אבער די הימלען שווארץ און פינסטער געווען און א ביטערע קעלט האט זיך אראבגעלאזט וואס נעהמט דורך אדער און ביין, צוקלאג איך מיך ערשט אך מעהר אין א פאר קאפיטלעך תהלים, און איך צושריי מיך:

אליך ה׳ אקרא, צורי אל תחרש ממני, פן תחרש ממני ונמשלתי עם יורדי-בור..

שאקעל איך אזוי מיט׳ן גאנצען כה דעם קאָפּ, שאקלען זיך מיט מיט מיר די בוימער אין גארטען, זיי בעטען אויך גאט פאר מיר, בעטען רחמים פאר א נשמה אנ׳אונשולדיגע.

געהט אוועק א שעה נאך א שעה. א שעה נאך א שעה, זאג איך? — א יאהר נאך א יאהר, א יובל נאך א יובל. עס זענען דען עפּים שעה׳ן געווען? גאנצע יאהרען האט דאך די נאכט געדויערט...

און איך פיהל, אז כאטש עס געדויערט אזוי יאהרען-לאנג, רוקען די שעה׳ן איינע נאך די אנדערע און עס רוקט אן די שעה פון טויט... באלד אט באלד וועל איך טויט זיין, א טויטער מענש זיין וואס פיהלט גאר נישט, ווייס גאר נישט, אויפגעהערט דאס לעבען, אויס. געווארען א שטיק האלץ, א שטיין. נאך ערגער, א דומם פוילט דאך נישט, און איך וועל פוילען ווי א נבלה, ווערען א נבלה! א דבר סרוח!... א קאלטער שוויים בעדעקט מיך. און עס האט מיך איצט ארומגענומען אזא לוסט צום לעבען, אזא לעבענס-פרייד... און איך, וועלכער האב אויף מיין גאנץ לעבען נאר פון ליידען געוואוסט, איך, ביי וועמען דאס גאנצע ביסעל יאהרען איז ווי אין גיהנום אריבער, איך האב איצט דערזעהן פאר זיך א וועל נאר פון גוטס און פרייד פון ליכט און זון-שטראהלען...

און באלד האב איך מיר אהן מיין פרוי און קינדער דערמאהנט און אזא וועהטאג האט מיך ארומגענומען איבערצולאזען זיי אויף הפקר. ייער ווער זיי ערנעהרען? וואס וועלען זיי טון? זיי וועלען דאך פון הונגער אויסגעה!... נאר באלד הא

דער גערוך פון מיין נאָהענטן טויט אַלע אַנדערע אָפּגעשטויסן, און איך האָב נאָר געטראַכט אין איין פּונקט: באַלד וועל איך טויט זיין!..

און אַז האָט דער זייגער געשלאָגן פיר. פיר ביי נאַכט. מיינע ליידן נעה־מען אַלץ קיין סוף ניט. צוגעבינדן צו אַ בוים, נישט צו רירן און בעוועגן זיך און גרייט זיך אַליין צום טויט צו...

באַלד וועל איך טויט זיין!... טראַכטענדיג אַזוי לאַנג אין דעם איינעם פּונקט האָט אַזאַ מאָדנע גלייכגילטיגקייט אָנגעהויבן אויסצוואַקסן ביי מיר אין קאָפּ, אַ זעלטענע גלייכגילטיגקייט צום טויט ווי צום לעבן... תחילת האָב איך מיך פאַר דער גלייכגילטיגקייט אַליין דערשראָקן, אָבער באַלד האָט זי מיך אין גאַנצן בע־הערשט און פאַרנומען אַלע פונקציעס אין מיין אָרגאַניזם... מיך האָט דער טויט אויפגעהערט צו־שרעקן... איך בין געוואָרן גאַנץ גלייכגילטיג צו כ'וועל לעבן צי כ'וועל שטאַרבן... אפילו דער גערוך וועגן דער עלענדקייט פון פרוי און קינדער איז ביי מיר געוואָרן גלייכגילטיג...

עפּיס האָב איך אָנגעהויבן שוין אָבצושטאַרבן... אין מיינע אָדערן האָט דאָס בלוט גענומען אָבקיהלען, און אַ טויט־קאַלטקייט און קבר־גלייכגילטיגקייט האָט אויס־געפיהלט אַלע מיינע גלידער... — — —

וואָס ס'איז געווען? אַרום זעקס פאַר־טאָגס האָב איך די מלאכי חבלה ווידער פאַר די אויגען געזעהן, איך האָב געמיינט, אַז איצט איז שוין מיין לעצטע מינוט גענומען און איך האָב ודוי געזאָגט — — — — — — — — — — —

— — נאָר די מלאכי־חבלה האָבן מיך אָבגעבינדן און מיר געזאָגט: קאָנסט געהן אַ היים. כ'האָב עס תחילת מיינע אויערן נישט געגלויבט, נאָר, אַז כ'בין אַוועק און זיי האָבן מיר נישט נאָכגעשאָסן האָב איך ערשט געזעהן, אַז זיי האָבן אמת געזאָגט... וואָס איז געווע? — פרעגט מיין ווייב. זי האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט גערוהט, צום רב געלאָפן, דער רב צום קאָמענדאַנט, פרעגט מיין ווייב, איך ווייס נישט. כ'ווייס נישט — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

אַזוי האָט דער טייוועל געלאַכט...

V.

חתן־כלה.

ווען דער טייוועל האָט געלאַכט...

— — — — — — — — — — — —

מיטן אָזענד בין איך אין'ם שטעדטיל אַריינגעקומען. אַ מרה־שחורה'דיגע פינ־סטערקייט האָט זיך צוזאַמען מיט שקיעת החמה ביסלעכווייז איבער'ן שטעדטיל אַראָבגעלאָזט, און די קליינע הייזלעך זענען אַזוי פערזאָרגט און פער־ראַגה'ט געשטאַנען... אין מיטן מאַרק איז די פּוהר שטעהן געבליבן. דאָ האָט מען קיין מענש נישט געזעהן, נאָר אין די זייטן, פון דערווייטענס האָבן זיך

מענשען־פיגורען געשלייכט, ווי בלאנדזשענדע אין א טאל פון לאנגווייל און טרויער...

דער בעל־עגלה, וועלכער האט זיך מיט מיר שוין געהאט אייפ׳ן וועג גוט אויסגעשמועט, האט מיר איצט צו אנ׳אלטען אנגעוויזען, וועלכער וועט מיר אלץ דערצעהלען.

איך בין געגאנגען, געטאפט אין דער פינסטער, אנגעקלאפט אין א טיר נאך א טיר, און כ׳האב געטראפען.

אנ׳אלט יוד׳ל מיט רויטע אבער נאך ליכטיגע אויגען און מיט א וויים־גרוי בערדיל וואס איז אין בעט שוין געלעגען, האט מיך פערחרושט אנגעקוקט.

— צו מיר?

כ׳האב איהם געזאגט דעם ציל פון מיין קומען.

— אהא! פון דער חתן־כלה, אוי, רעדט בעסער נישט.

— די מעשה מוז אבער פערשריבען ווערען.

— וואס? כ׳דערהער נישט. ווי? פערשריבען ווערען. איך זאל זי דערצעהלען?

— יא!

— כ׳קאן נישט. ס׳טוט מיר וועה, אז כ׳דערצעהל. לאזט צו רוה! אבער דאך?

— נו, באלד כ׳וועל מיך גלייכזועצען, אט אזוי.

— דערצעהלען דיר, זאגסט דו, ווי? דו ווילסט עס אויפשרייבען? — גוט, דיר וועל איך עס דערצעהלען. אנ׳אנדערן נישט, כ׳קאן נישט, ס׳הארץ טוט מיר וועה דיר אבער, מיין קינד, יא. שרייב עס טאקי אויף, אזוי איז גאנץ גוט. זאל די וועלט וויסען!

אוי וועה מיר... אוי לעינים שכך רואות, הלואי וואלט איך געשטארבען, איידער דאס איז געשעהען, וואס זאגסטו, כ׳הער נישט, מען דארף נישט בעטען אייפ׳ן טויט אך, צו וואס טויג מיר אזא לעבען, דאס לעבען איז גארנישט ווערט. אז מען זעהט דאס צו, קאן מען מעהר נישט לעבען... אזעלכע צוויי יונגע מענשען! — —

ווי? כ׳הער נישט. כסדר. כ׳זאל דערצעהלען דיר כסדר, יא, כסדר, כסדר: ער איז א קעלנער געווען, זי א׳קעלנערין. אין א פענסיאנאט? — יא, אין א פענסיאנאט אין פ. ביידע ליבע קינדער. פון יודישע עלטערען. זיך בעקענט, און ליב בעקומע אהבת אמנון־ותמר, צוויי טויבען, נאר אין די אייגען זיך געקוקט..

איז געווארען מלחמה. דער פענסיאנאט איז חריב געווארען. ביידע געבליבען אהן שטעלע. שמועסען זיי אב חתונה צו האבען. די כלה אבער, א יודישע טאכטער, וויל דאס נישט אהן די עלטערען, לאזען זיי זיך ביידע אין וועג ארײן קיין כ.

עס איז געווען אין דער טרויעריגער צייט, ווען דאס דייטשע מיליטער האט זיך אויף א ווייַלע צוריקגעצויגען און די רוסען האבען זיך א לאז געטון נאך זיי און יודיש בלוט האט זיך אין די יודישע קהלות ווי וואסער געגאסען, און אין א. איז די ריסישע אפאזיציע געווען, געקומען אהער האבען די מענשען זיי געפרעגט ווי זיי געהן געוואהרענט, אנגעזאגט. ימעי השם זיך נישט דערוועגען — — — —

דער שטן טאנצט אויף די יועגען.

יונג בלוט אבער קוקען זיי נישט. וואס שטן? וועד אפאזיציע? דו כלה׳ס ארים איז אין חתן׳ס געפלאכטען. איהר קאפ רוהט אויף זיינע אקסלען, און זי איז אזוי

פול מיט חופה-בענקשאפט, וואנדערן זיי, דארף נאך אדארף.

ביי א וועלדיל האט א רוסיש פאטרול זיי פלוצים אבגעשטעלט, געפרעגט ווי זיי וואנדערן און צום קאמענדאנט אבגעפיהרט.

דער וויסטער אכזר, דער שטאדט-קאמענדאנט. האט זיי באלד פאר שפיאנען אבגעסטעמפעלט, און א קרינס-געריכט געזעצט.

האט די כלה איהר חתן, צערטליך, ווי אנ׳אונשולדיגע טויב, און די אויגען געקוקט און דער חתן האט זי איבערן קאפ געגלעט, א הארץ צו א הארץ האט שטיל, שטיל געצווינגען און געפרעגט: וואס? ווי?

נאר באלד האט און זייערע אויערן אבגעקלינגען: „פערמשפט צום טויט דירך העגנען. — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

וואס זאל איך דיר דערצעהלען, ליב קינד מיינס. נאך דעם זעלבען טאג האט מען און מיטען מארק א תליה אויפגעשטעלט. אויף די תחנונים, צו ערלויבען זיי פאר׳ן טויט חופה-וקדושין צו נעהמען, האבען די אכזרים מיט א ווילד געלעכטער אבגעענטפערט.

צוזאמענגעס האט מען זיי, בפני קהל ועדה, אנשטאט צו דער חופה צו דער תליה געפיהרט...

צום ערשטען האט מען פאר די כלה די שטריק געגרייט, זי איז צום חתן צוגעגאנגען, זיך מיט איהם צוקישט, איהם געשווארען טריי צו בלייבען, און איהר ליבע איהם אויך נאכ׳ן טויט צו שענקען און דעם קאפ אין דער פעטליע אריינגעשטעקט.

דערנאך האט מען דעם חתן גענומען — — — — — — —

הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו — — — —

— — — — — — — — — —

און איך, אלטער שוטה — האט זיך דער אלטער צובליפעט — האב דאס אלץ צוגעזעהן, און מיינע אויגען זענען מיר נישט אויסגערינען... איך לעב!... אבער וואס טויג מיר דאס לעבען? גאט, פאר וואס שענקסטו מיר נישט בעסער דעם טויט?!..

דו ווילסט, קינד עס אויפשרייבען, גאנץ גוט, שרייב עס אויף פון מיין פערוועהטאגט הארץ, טינק, קינד, דיין פעדער איין אין בלוט פון מיין הארץ!... מיט בלוט זאלסטו עס אייפשרייבען! זאל די גאנצע וועלט דערפון וויסען!... זאלען די אכזרים פערשאלטען זיין! פערשאלטען זאל אויך זיין די ערד וואס האט אזא תליה אויף זיך דערטראגען! פערשאלטען זאל זיין צוזאמען מיט איהר די זון וואס האט געלויכטען זיי, פערשאלטען!...

און דער אלטער איז א נידערגעפאלען אויף די קישענס פערשמאכט...

— — — — — — — — — —

אזוי האט דער טייוועל געלאכט...

VI

פאר די מוטער'ס אויגען.

ווען דער טייוועל האט געלאַכט...

— — — — — — — — — —

און ווען דער שטן איז שוין זאַט פון די עניים-שפּילען געווען, און אויף זיין טראן-שטוהל אינ'ם מבול פון בלוט אַרומגעשווימען, האט ער צו די בני השטן גערופען און צו זיי געזאגט:

— זוכט מיר, מחבלים, נייע שפּילען אוים!...

זענען די בני השטן ארויס אויף דער וועלט און זיך אין אַ יודיש שטעדטיל אַראָבגעלאָזט...

אַ קאָזאַקען-באַנדע מיט אַנ'אָפיציר בראש האט זיך איבער'ן שטעדטיל געלאזט אַ ביסעל אַ הוליע צו טון, צו מארדען, רויבען און שענדען.

קרבנות זענען דאך אין שטעדטיל אזוי פיל פאַרהאַן:

— זשידי! זשידי!

האבען זיי געטראפען אַ יודישען בחור ווי ער פּעראַקט די לאדענס פון אַ וואהנונג.. זיין שוועסטער שרעקט זיך אזוי, און די מאַמע נאך מעהר, זיי טוליעט זיך אזוי צו איהם... און אין דער האנד האט דער בחור נאך דעם האַמער געהאלטען...

— וואס טוסטו זשיד! דעם טעלעפאן געוואלט איבעררייסען, הע? — האט דער אפיציר געפרעגט און זיך צולאכט.

האט מיטגעלאכט די גאנצע קאמפּאניע:

— זשיד! שפּיאָן!

און מיט אַ הילכיג מיוולאניש געלעכטער איהם צום ראש פון די אבזרים אָבגעפיהרט.

די בני השטן האבען איצט אַ קריגס-געריכט אבגעהאלטען.

— תליה! — האט איינער געזאגט.

— דאס איז שוין אַלט, באנאל, דאס שפּיל מוז אינטערעסאנטער זיין.

— פאר דער מוטער'ס אויגען, — האט דער ראש צוגעגעבען.

אַלע האבען זיך הילכיג צולאכט.

ערב שבת, פאר ליכט-בענשען, האט מען אין מארק געפּייקט:

— אַלע יודען מוזען שבת אין דער פריה, נאך פאר'ן דאַווענען, קומען אין מארק אריין, וואו עס וועט אויפגעהאנגען ווערען אַ זשיד, אַ שפּיאָן, ווער עס וועט בלייבען אין שטוב וועט אויך ווי יענער אויפגעהאנגען ווערען.

שבת ר"ה אדר תרע"ה ווען די זון איז אַרויס, האבען די אבזרים שוין אַלע יודען פון שטעדטיל געוועקט און אין מארק אריין געטריבען, און די מוטער און שוועסטער פונ'ם בחור גענומען און ביז האַרט פאר דער תליה צוגעפיהרט...

דער בחור, ווי א טויב איבערנאכט גרוי, האט ודוי געזאגט, צו דער תליה מיט שטאלץ צו, זיך ארומגעקוקט און הויך און וויַט האבען זיך זיַנע ווערטער געטראגען:

— מיַין אונשולדיג בלוט זאל נישט געשאנקען ווערען!

און דעם קאפ אין דער פעטליע אַריַינגעשטעקט.

די מוטער האט איצט אַ האנד איבער אַ האנד אויפ'ן הארץ געלייגט, מיט אלע כחות זיך געשטארקט און קיין טרעהר נישט געלאזט...

נאר דער ראש פון די אכזרים האט זיך צו די יודען געווענדעט:

— נו, זשידעס, איצט מעגט איהר שוין געהן דאווענען!...

— — — — — — — — — — —

אזוי האט דער טיַיוועל געלאכט...

VII

חנה׳לע.

(מאָנאָלאָג).

ווען דער טיַיוועל האט געלאכט...

— — — — — — — — — — —

כאַ כאַ כאַ... מיט מיר רעדט איהר יוד... מיט מיר רעדט... איהר קוקט מיך נישט אזוי אָן, איך בין אסור נישט משוגע כאטש איך בין אין אַ משוגעים־הויז. כא־כא־כא—דאס קינד איז אזוי שען געפלויגען... ביז צום הימעל איז עס געפלויגען... כא־כא־כא, איך האב אליין געזעהן ווי עס איז געפלויגען...

כא כא כא... וואס זיי האבען געטון?... זיי האבען מיין פרוי חנה׳לע, מיין חנה׳לען דעם בויך געעפענט און דאס קינד ארויסגענומען... צי כ׳האב עס געזעהן? פרעגט איהר, אודאי געזעהן... נאר שוויַגט, דוכט זיך זיי געהן... ניין, זיי געהן נישט...

אוי וועה מיר, וואו איז חנה׳לע? וואו איז מיין חנה׳לע? מיין גוטע חנה׳לע וואו איז?... אוו וועה מור!... חנה׳לע! חנה׳לע!... כא-כא־כא... כ׳ווייס שוין חנה׳לע האט זיך בעהאלטען... דאס קינד איז אוועקגעפלויגען, אזא שען קינד, אַ יונגעלע צי אַ מיידעלע?... כ׳ווייס נישט... זיי האבען מיך אזוי געשלאגען... אוי, ווען איך האב איצט א שטעקען, איך וואלט מיך גלייך געלאזט צו זיי... אבער וואו איז חנה׳לע? חנה׳לע, זיי האבען דיר וועה געטון... פאר וואס, חנה׳לע האסטו אזוי געשריגען?... יאָ, כ׳דערמאהן מיך, איינער נאכ'ן אנדערען האבען זיי דיך געפייניגט... וואו ביזטו אבער חנה׳לע?... אוי וועה מיר! חנהלע איז נישטא... חנה׳לע! חנה׳לע!... זי האט זיך בעהאלטען דער גנב!... זי שפילט זיך אזוי מיט מיר.. דאס קינד איז אוועקגעפלויגען און חנה׳לע איז נישטא... ־א־כא־כא... כי־כי־כי... כא־כא...

— — — — — — — — — — —

אזוי האט דער טייוועל געלאכט...

VIII

צו א פערד צוגעבונדען.

(א בריף).

ווען דער טײַוועל האט געלאכט...

— — — — — — — — — —

ליבער ברודער.

...דו פרעגסט מיך, פאר וואס כ'האב אלע קרובים און זייערע קינדער אויסגערעכענט אין דעם בריף צו דיר. נאר אונזער ברודער חיים-אלעזר'ן נישט, האב איך געוואלט דו זאלסט עס אליין פערשטעהן. נאר וואס וועל איך בעהאלטען פאר דיר. ביזט דאך א ברודער טייל דיך אויך מיט אונזער צער.. זיי וויסען, אז חיים-אלעזר איז שוין מעהר נישטא. אבער מיט א הײַליגען טויט איז ער געשטארבען ער איז געשטארבען על קדוש השם, וואויל איז איהם!

נײַן, משה, מיר האבען נישט געוואוסט וואס פאר א ברודער מיר האבען געהאט, ערשט אין טויט האט מען איהם דערקענט. ער האט געלעבט ווי א גרויסער יוד און ווי א גרויסער יוד איז ער געשטארבען...

ווי די מעשה איז געווען: ער איז געגאנגען אין דארף מיט א פעקעל אויף די פלײַצעס האנדלען, דו ווײַסט דאך, ער האט דאך קײַנמאל נישט געוואלט נהנה זײַן פון א פרעמדען גראשען און אפילו פון א ברודער'ס... געהט ער אזוי אויפ'ן וועג און זינגט זיך א חסידיש זמר'ל, ווי זײַן שטײַגער איז געווען, נאר אזוי ווי דער וועג איז געווען בלאטיג און די שטיוועל נישט איבריג אין ארדנונג, איז ער ארויף אויף דעם שינען-וועג פון דער באהן-ליניע, געהט ער זיך אזוי און זינגט און איז אין גאנצען פערזונקען אין מחשבות, ווי עס רייטען אונטער צווײַ קאוואלעריע-סאלדאַטען, שטארק בעכוסט און מען נעהמט איהם אן:

— קודא זשיד!

בלײַבט ער שטעהן, ווײַס נישט וואס זיי רעדען און ענטפערט זיי אויף יודיש (קיין גויאיש האט ער דאך נישט געקענט), אז ער איז דא גאר נישט אויסען, ער געהט אין דארף אריין.

נעהמען זיי איהם אײַנרעדען אז ער איז א שפיאן... (חיים-אלעזר מיט די תורות פון רבי און מיט די טעגליכע טבילות אין דער מקוה איז א שפיאן!) ער האט געוואלט צושטערען די באהן-ליניע און שפרינגען באלד אראב פון די פערד און פיהרען איהם שוין צום קאמענדאנט...

אין מיטען וועג אבער זענען זיי זיך מיישב צו וואס פיהרען איהם, זיי זאלען אויך מוזען געהן, זיי וועלען בעסער איהם צובינדען צו א פערד און רײַטען...

זעהט דאס חיים-אלעזר, איז ער נישט מהרהר, הויבט זײַנע אויגען צום הימעל אויף, גיט א פיהר מיט דער האנד איבער'ן פנים און איבער דער בארד און מיט געזאנג, מיט'ן זעלבען ניגון וואס פריהער, נעהמט ער זאגען „ודוי"...

די פויערים האבען דערצעהלט:

זיי האבען געזעהן ווי די סאלדאטען זענען גריטען גיך אויף די פערד און

בײַ זײַער עק איז נעווען צוגעפּינדער אַ ייד אַז ער האָט זיך אַזוי נאָכגעשלעפּט און געהאַקט זיך איבער שאָסעע ביז אין דאָרף אַרײַן, נאָר זײַ ווע‏לען קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס, אַז דער ייד האָט געזונגען... אַ גאַנצען וועג האָט ער געזונגען, און די אויערן קלינגט זײַ נאָך אַב דער זמר... זײַ האָבען מיר אויך דעם ניגון נאָכגעזונגען: טײַ־טײַ די טײַ טײַ... אוי, טײַ, טײַ דו טײַ־טײַ... זײַן ניגון...

אין דאָרף אַרײַן צום קאָמענדאַנט האָט מען איהם שוין געבראַכט אַ טויטען, צובראָכען אין צירישען.

כ'זעה, דו ווײַנסט ברודער, איך זאָג אָבער: פרעה דיך! פרעה דיך, וואָס דו האָסט אַזאַ ברודער געהאַט!... מיר האָבען איהם נישט געקענט, מיר האָבען נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ ייד דאָס איז...

בײַ דער קבורה אפילו, האָבען די אויגען געשמייכעלט און דער זמר איז געווען אויף זײַנע ליפּען... עס האָט זיך כמעט מיר אָבגעדוכטען, אַז ער זינגט ווייטער דעם ניגון אין דער שטיל, אין דער שטיל...

זיין היכל אין גן־עדן וועט געוויס זיין העכער ווי אונזערער. הלואי זאָלען מיר זוכה זײַן אין גן־עדן איהם פון דערווייטענס צו זעהן...

טרייסט דיך משה! זיין פרוי איז קראַנק און צובראָכען, זי איז בײַ מיר מיט צוויי קינדער, נאָך דריי זענען ביי אונזער שוועסטער מרים...

וויינסט! קאָנסט דיך נישט איינהאַלטען, יאָ, ווײַן, וועט דיר אפשר שפּעטער לייכטער ווערען, נאָר האָב נישט אין דיין צער תרעומות, היט דיך, זײַ נישט מהרהר...

גאָט האָט אַזוי געוואָלט, געדענק משה: גאָטס רצון! אויך קעגען משחית רעד נישט קײַן שלעכט וואָרט, זיין יום־הדין וועט קומען!... גאָט וועט צו משפט זיצען!...

טרייסט דיך!

דײַן ברודער...

— — — — — — — — — — —

אַזוי האָט דער טייוועל געלאַכט...

IX.

נישט צו קבורה געקומען...

ווען דער טייוועל האָט געלאַכט...

— — — — — — — — — — — — — — —

איך שטעה ביי אייערע תליות, יודען גרויסע, קדושים אונזערע, און איך זעה ווי אײַערע טויטע קערפּערס וואַרפען זיך אַזוי פון'ם ווינד, וואָס איז געקומען מיט שטורם. איז עס, קדושים, אייער שטורם? איז עס דער שטורם פון אייער דורות־כּעס? וועט ער אומקעהרען די וועלט צו תהו־ובהו?...

און איך קוק אין אייערע פּנים'ער און זעה דעם אור־העליון וואָס רוהט איבער זײַ... זיי זענען טאַקי בלוי און שוואַרץ פון די צוגעפּנעלאָפענע בלוטען, פון'ם שטריקעל

ביים האלז, אבער דער אור השכינה רוהט און ליכט־שטראהלען, קרני־אור, געהן ארוים פון זיי...

שוין דריי טאג ווי איהר הענגט אזוי... דער קאמענדאנט האט אזוי בעפוילען נישט צו קבורה קומען, דריי טעג און דריי נעכט אזוי הענגען, א שרעק פאר אלע יודען...

און איהר, קדושים, דולדעט עס און שווייגט אדער ווערט א שטורם קומען?...

* * *

איך שטעה ביי אייערע תליות שטעה און טראכט, בייזע מחשבות לויפען ארום אין קאפ, אפשר זינדיג איך גאר מיט זיי נעבען אייך, קדושים?

אונזערע קדושים הענגען, אונזער כח ליגט נאר אין טויט... אונזער שטארקייט איז קדוש־השם... אבער אין דער וועלט פון לעבען? —

יודען געהן ארום און ציטערן. געהן די תליות פערביי און בעהאלטען די אייגען און קיין צאהן קריצט נישט, קיין האנד הויבט זיך נישט אויף, און דאם מויל אפילו עפענט זיך נישט צו א פלוך — —

יודען געהן ארום און ציטערען...

קדושים אונזערע, האט איהר אויך אבגעציטערט דאס גאנצע לעבען און נאר שטארק צום טויט געווען? — אדער אפשר אויך נישט שטארק, אז מען קען דאס לעבען נישט, איז נישט שווער צו שטארבען...

אוי, איך וויים, כ'זינדיג מיט מיינע מחשבות נעבען אייך...

* * *

און איך שטעה ביי אייערע תליות, זעה די צופרידענהייט אויף אייערע פנימ'ער און וויים, אז די צופרידענהייט איז פון קדוש־השם, איך זעה און וויים, אז איהר זענט געווען גאנצע יודען, איהר האט א לעבען א גאנצעם געפיהרט און גאנץ זענט איהר אויך געשטארבען...

איך בין אייך מקנא יודען גרויסע, מיר זענען שוין נישט מעהר אזוי גאנץ מיר זענען צובראכענע יודען, צובראכענע...

אבער צי זענען דאס די גאנצע יודען, די וואס האנדלען דא אויפ'ן מארק? צי זענען מיר אלע פון איין משפחה? הענגען דא זייערע גרויסע און זיי האנדלען!? קלאגען נישט און וויינען נישט, שרייען נישט און פלוכען נישט און האנדלען?! ווער איז דאם די אומה? האבען שראנגען זיי געבוירען?! — — —

זענען דאס די גאנצע יודען! — אוי, מיך שרעקט זייער גאנצקייט...

אוי, כ'ציטער אויך, אבער נישט ווי זיי, נאר פאר זיי. איך ציטער פאר'ן געדאנק, אז דאס זאל מיין פאלק זיין? אז דאס איז פון יודען געווארען?

— — — — — — — — — — — — — — — —

א פאר יונגע יידען, וועלכע האבען נישט געקאנט מעהר די שאנד אריבערטראגען, האבען ביי נאכט די קדושים פון די תליה־בוימער אבגעשניטען און זיי צו קבר־ישראל געבראכט...

די גאנצע יודען ציטערען נאך מעהר..

— — — — — — — — — —

אזוי האט דער טייוועל געלאכט...

X.

דער טייוועל-טאנץ.

יען דער טייוועל האט געלאכט..

— — — — — — — — — — —

...האבען די מענשען אין טאל פון דר'ערד זיך אויסגעגליטש און געפאלען איז איינער איבער'ן אנדערען, איינער אויפ'ן אנדערען, האט דאס בלוט געדרינגען טיי-בעניוויז און געטראגען האבען זיך די אוי-געשרייען ביז צו די הימלען...

זענען די הימלען פון קופער געווען, נאר ש.ארקער אבער די אוי-געשרייען פון די מענשען אין צום שטארקסטען די פון מיין פאלק...

האבען זיי די הימלען דורכגעבראכען, אבער צו גאט האבען זיי נישט דער-גרייכט. דען ווייט ייייט האט ער געבלאנדזשעט אין מדבר-ערבות..

און ווען דערהערט האט זיי דער שטן האט ער הויך און ווילד זיך צילאכט, האנד אן האנד פיל מיט פרייד געפאטש און גערופען:

— פינ'ם חורבן אן איז אזא בלוט-ים פון די קינדער פון ישראל נישט גע-ווען; זייט גבורה'ן—אזא מאסען-שחיטה! אונזער צייט, קינדער! אונזער צייט איז געקומען! איך וועל איצט נידערן צו אייך! איך וועל מיט אייך די שמחה זיך טיי-לען. מיר האבען עס דערלעבט!...

און אראב איז דער שטן פון זיין טראן-שטוהל און צווישען די בני-השטן אוועק..'

— — — — — — — — — —

א וויסטע ארמעע פון אכזרים זענען אין א יודיש שטעדטיל פון פוילען צוריק אריין, געציטערט האט פון אווענד אן דאס שטעדטיל און געפיבערט, און ווען דער מארגען האט איפגעבראכען, איז דאס שטעדטיל לעער און אויסגעשטארבען קעגען דער זון געשטאנען...

איינגע האבען זיך געדרייסט, און ווען די ארמעע פון אכזרים איז אינ'ם שטעדטיל אנגעקומען, צווישען זיי ארומגעגאנגען און פאפיראסען געטיילט.

און דער שטן איז צווישען די משחיתים געריטען, און ווי ער האט דעם ער-שטען ייד געזעהן, האט ער די שווערד ארויסגעכאפט און די האנד פון יוד מיט דער אויסגעשטרעקטער פאפיראס אבגעהאקט, דעם קאפ דאן ארונטער פערווארפען און געלאכט, געלאכט...

— — — — — — — — — — —

אזוי האט דער טייוועל געלאכט...

* * *

ווען דער טייוועל האט געלאכט...

— — — — — — — — — —

איז דער שטן אין אנ'אנדער יידיש שטעדטיל אוועק און אין מיטען מארק זיך געשטעלט, האט ער געזעהן דעם חורבן פון די הייזער, די שוהל די צושטערטע, די פערהאקטע טויערען און לאדענס, האט זיך אין זיינע גרינע פונקעלדיגע אייגעלעך

אפייער׳ל אנגעצינדעט, די שלאנג־נאז האט מיט גיפט געטריפט, דאס שפּיציג־שטעכעדיג בערדיל האט ביז צום תהום דורכגעשטאכען און א הארציג געלעכטער האט זיך איבער זיבנע ברייטע ליפען צוליינגט, און געקייקעלט האט ער זיך אין גאנצען:

— כא־כא־כא, כי־כי־כי..

און די שווערד, פון פרייד ארויסגעכאפּט, און מיט איהר אין דער לופט געפאָכעט...

איז א יונגעלע איהם פערביי אויפ׳ן וועג אין חדר אריין געגאנגען, מיט א סדור׳ל אינטער׳ן ארים, האט דער שטן די שווערד איבער׳ן קינד׳ס העלדיל א פוהר געטון און געלאכט, געלאכט...

— — — — — — — — — —

אזוי האט דער טייוועל געלאכט...

* * *

ווען דער טייוועל האט געלאכט...

— — — — — — — — — —

... און ווען געפלאסען האט דאס בלוט פון די קינדער פון מיין פאלק און די גרעניצען פון גאליציען פערפלייצט, פוילען איבערשווענקט און די שפּורען האבען זיך ביז אין דער טיפקייט פון אכזרים־לאנד געצויגען, האט דער שטן די משחיתים ביי די ברעגען פונ׳ם ים־בלוט צונויפגערופען, זענען זיי אלע אינ׳ם ים פון בלוט אריינגעשפּרונגען און זיך אין א טייוועל־טאנץ געלאזט, אין בלוט־ים׳ וואלען געשלאגען און געשוימט האט ער זיך און געברויזט, איז די שוים שווארץ־רויט געוועזען און שימערירט קעגען די זון... האבען זיך די וואלען ביז צום הימעל געהויבען, זענען אויך די הימלען מיט יודיש בלוט בעשפּריצט געווארען ...

און געטאנצט האט דער שטן מיט די משחיתים ביז אין דער פינסטערקייט פון דער נאכט ..

און ווען דער טאג האט אויפגעבראכען האט ער זיי אויף א סעודה גערופען אויף א סעודת הבראה נאך א וועלט פון מתים ...

איז די סעודה אין טויטען־טאל געוועזען און געהילכט האט דאס משחיתים־געלעכטער פון עק וועלט ביז עק ...

— — — — — — —

אזוי האט דער טייוועל געלאכט...

תליות.

(צוויי מעשיות פון אסך).

די יודען האבען גאט'ס וועגען פערלאזען, זיינע געזעצען נישט אבגעהיטען און איהם דערצערנט. האט נאט ברוך-הוא זיין פנים פון זיי אוועקגענומען...

און די הימלען האט ער בעפוילען, זיי זאלען, ווי קופער זיין, און קיין געוויין נישט פערנעהמען, און די מלאכים האט ער אנגעזאגט, זיי זאלען צונעשמידט צו זייערע ערטער בלייבען און קיין תפלה איהם נישט צוגעטראגען...

האט דער משחית די שליטה בעקומען, איז ער נישט מבחין בין טוב לרע, בין צדיק לרשע, גיסט זיך יודיש בלוט טייבענווייז, פון שולדיגען מיט'ן אומשולדיגען צוזאמען; דאס בלוט פון די חוטאים ופושעים איינאיינעם מיט'ן דם עוללים ויונקים...

זעהט גאט, ווי זיין וועלט געהט לאבדון; פון די מעשי בראשית ווערט א תל-עולם; די יצורי כפיו—געהן אונטער, וועקט זיך אויף ביי איהם א בעהאלטענער ייעה, פיהלען זיך אן באלד מיט צער אלע עולמות...

און כביכול נידערט פון זיין כסא הכבוד, זעצט זיך אויף א פיסען-בענקעלע און צי די כוכבים, וואס שטעהען פאר איהם אין דער רייה און זאנען שירה, דונערט זיין קול:

— די וועלט טרינקט זיך אין א ים פון בלוט און איהר זאגט שירה...

ווערט א שטילקייט איבער אלע וועלטען, הערט זיך א שטילער קרעכץ און אלץ טוט א ציטער...

ווייסען אלע וועלטען: גאט זיצט שבעה, ער איז דער גרויסער אבל נאך א העלפט פון מתים...

דערמאהנט ער זיך דעמאלט אן זיין פאלק ישראל און ער ליידט, טוט א ציטער די האנד פון משחית.

ווייסען יודען: גאט האט זיין פאלק ישראל נישט פערגעסען: מיט איין האנד שלאגט ער און מיט דער אנדערער—היילט ער; עס איז דאך זיין פאלק, זיינע קינדער, און קאן א פאטער פערגעסען אן זיינע קינדער?

דערפיהלען ערשט יודען זייער צער:

— טאטע אין הימעל, מיר זענען טאקי זינדיג, מיר האבען דיך נישט געפאלגט און דיין תורה פערגעסען, מיר זענען ווערט דיין שטראף. אבער דער משחית ווער איז? — — האסטו נישט געהאט קיין אנדערע שלוחים בורא-העולם?!...

זעהען אבער באלד יודען בחוש די נסים פון גאט, זיינע גבורות.

פאהרען יודען אויף די וועגען צו זובען פרנסה, דערצעהלט מען זיך פון גאט'ס וואונדער, ווייזט מען אויף, אז גאט האט זיין פאלק ישראל אינגאנצען נאך נישט פערלאזען, טרייסט מען זיך און מען האפט...

I.

דער הענגליכטער.

דערצעהלען יודען:

אין א שטעדטיל, ביי רעֶר ווייכסעל, האט א הייליגער ייד געלעבט, „ר׳ אברהם ישׂ״ האט ער געהייסען. א יוד נאך פון די אמאליגע יודען, אנ׳איש תּם, יושב אהל, ארייננעטון שטענדיג בתורה ועבודה, קען גישט ריכטיג קיין צורת מטבע און ווייס גאר נישט מהוית העולם, א יוד א צדיק, וואס א גאנצען טאג האט מען איהם גע־טראפען זיצען ביי דעֶר גמרא און ביי נאכט ווידער—ביים „זוהר", און דאס קול, שטענדיג אזוי הארציג, אזוי זיס, א זמר צו גאט...

און א הדרת פנים, א שענקייט—אויסערגעוועהנליך, הויך און דיקליך מיט א פאר ברייטע פלייצעס, א פערנעהם, און גלייך—ווי גאט האט איהם בעשאפען אין דיקא שוין נישט קיין יונגער, איבער די שבעים, און מיט א גרויסער ווייסער באַרד, מילך־ווייס. און א פאר ווייסע פאות. און דאס פנים האט־געלויכטען, ווי די זון אין הימעל, א ליכטיגקייט נישט ארייצוקוקען דערין, און אין גאנצען נאך אזוי, ווי א יונגער מאן—פריש און לעבעדיג.

און עסען—דוקא נישט. ווער עסען? וואס עסען? ווער געדענקט אין א זעלכע תּאות?—א מאל אין אווענד עפּיס טועם געווען א כזית, אדער כדי לגימה, א מאל עפּיס ביי טאג אויך. טייל מאל גאר א יושב בתענית, דעֶר חומר איז דאס לעצטע געווען...

און אזוי אויך מיט׳ן שלאפען, פארטאג׳ס א צוויי שעה, ביי טאג—א מאל א שעה און געֶנוג.

האט מיט׳ן הויז דאס ווייב אָנגעפיהרט, און די קינדער האבען זיך ממש אליין ערצויגען, גידול־בנים איז טאקי א מצוה, א גרויסע מצוה, נאר עֶר האט קיין צייט נישט געהאט דערצו, כסדר געלערנט...

און אזוי ימים ימימה...

— — — — — — — — — — —

מאכט זיך מלחמה אויף דער וועלט.

זאגט מעֶן צו איהם:

— ר׳ אברהם, עס האט זיך געמאכט א מלחמה.

— מלחמה—קיקט ער אָן אלע ערשטוינט און פרעגט ווייטער אויף לשון הקודש, ווייל עֶר האט נישט גערעדט קיין דברי־חול—מלחמה למאי?

זאגט מען איהם:

— די גאנצע וועלט האלט מלחמה, איין מלכות מיט׳ן אנדערן.

— כך—זאגט ער—מלחמת גוג ומגוג,—און לערנט ווייטער.

איז אוועק א פאר חדשים.

געשעהט, אז דאס שטעדטיל איז געווארען א מיטעל־פונקט פון דער מלחמה, א גוטע פאזיציע, און פאניע איז אריינגעקומען אין שטעדטיל אריין.

געהערט, אז פאניע איז דא, איז אויפ׳ן שטעדטיל געפאלען אנ׳אימה. געווען איז עס שבת אין דער פריה, ווענן פרויען שוין גישט געגאנגען אין שוהל אריין, די

מאַספּערשיינגען האבען אבגעראַזיוענט בהשכמה או באלד אהיים געלאַפּען און מען האט פערהאקט די לאַדענס און אבגעשלאסען די טירען.

אזוי האבען אַ־ע געטון, נאר ר' אברהם נישט. בשום אופן האט ער נישט געלאזט צושליסען די טיר.

— מען דאַרף האבען בטחון באלקים—האט ער געזאגט, — עס געהט נישט צו אנטלויפען.

זיצט אזוי ר' אברהם ביים טיש צו דער סעודה שניה, אין דער אטלעסענער קאַפּאָטע און גאַרטעל און אין שטריימעל און ארום איהם די קינדער דריי בחורים (דאס ווייב מיט צוויי מיידלעך אין א בעזונדער צימער) און זינגט זמירות:

— יום זה מכובד מכל ימים, כי בו שבת...

און אויפ'ן טיש שטעהט שוין פאר יעדע־ען א טעלעריל מיט קוגעל, און ר' אברהם האלט שוין באלד ביים ענדיגען דאס זמירות און רוקט אב א ביסעל אין א זייט דאס ספר'ל, וואס ליגט די גאנצע צייט אפען, מיט'ן רויט-געבלימעלטען שנופּטיכעל דערויף.

און—די טיר עפענט זיך; קאזאקען זענען דא.

הויבען די בחורים אן צו ציטערען, ר' אברהם בלייבט אבער רוהיג.

— וואט זשיד—שפּיאָן! — ריקען זיך די קאזאקען צו צו איהם—גערמאַנטשיקאָוו פּאָדראַזשאַי!

זאגט ר' אברהם צו די קינדער:

— מה חפצם? יין שרף, חלה...

שניידען די בחורים אב מוצה'ם חלה און געבען זיי, א ביסעל י"ש אויך—געווען נאך א ביסעל—נעהמען די קאזאקען דאס צו, עסען אב, טרינקען אויס פון די גלעזלעך, און זאגען זיך ווידער צו ר' אברהם'ן:

— טעפּיער גערמאַנטשיקאָוו פּאָדראַזשאַי!

לויפט צו דער עלטערער זוהן און בעט זיי:

— וואָזמיטע ווסיאָ; ניעט או נאַס טאקיך.

— ק'טשאָרטו זשידאָווסקאָיאַ מאָרדאַ! — האט ער דערהערט אַ געשריי בעגלייט מיט אַ טופּען פון די פיס.

וויינען שוין אלע קינדער, לויפט אריין די פרוי, מאכט יעלות—די טעכטער האבען מורא געהאט אריינצוגעהן—נאר די קאזאקען ווינקען זיך איבער און אנווייזענדיג אויף ר' אברהם'ן, זאגט אייגער צום אנדערען!

— טאָלקאָ סטאַריקאַ!

— וואָזמיטי יעוואָ!

און באלד האבען זיי זיך ווי די טייוולאנים צוגעלאזט צו ר' אברהם'ן, איהם די גאַרטעל פון די לענדען אראבגענומען, אַ קוק געטון אין דער הויך צום מעשענעם הענגעל-לייכטער, פון דער גארטעל אַ פעטיליע געמאכט און—אוי וועה...

נשמתו יצאה במהרה...

— — — — — — — — — — —

דריי וואכען דערנאך האט זיך אנגעהויבען א שטארק געקלאַפּער ארום שטעדטיל. טאג און נאכט האבען די הארמאטען געזעצט, אז מען איז פערטויבט געווארען,

אין פון גאנצען שטעדטיל איז געווארען נעבעך, א תל־עולם, די מענשען זענען ארויס בערום ובחוסר כל, און פון שטעדטיל גופא איז נישט געבליבען א שטיין, א זכר לבית. עפּיס אזא מין חורבה! שרעקליך! סדום ועמורה...

נאר איין זאך קאן מען דארט זעהן, פון ר' אברהם'ס וואוינונג, וואס איז אויך צווישען אלע חרוב ומיחרב געווארען און עס איז ארונטער דער דאך און אלדעס איבעריגע איז איבערגעבליבען העננען, ממש אין דער לופטען. בנס ממש, איין בעלק אויף וועלכען עס הענגט נאך דער הענג-לייכטער צוזאמען מיט די גארטעל, פון וועלכע מען האט איהם אבגעשניטען, און זיי שאקלען זיך כסדר אין דער לופטען...

זיי זענען א צייכען פון גאט, אג'אות ברית, אז ער האט נאך אין זיין פאלק ישראל נישט פערגעסען און אז דער משהיה וועט איבער דעם אלעם, וואס ער האט געטון גענען יודען, מוזען אבגעבען דין וחשבון...

II.

דער בוים.

און א צווייטע מעשה:

אין א שטעדטיל אין קעלצער געגענד, ביי דער נידא האט א יוד א למד־ואו'ניק געלעבט. א למד־יאו'ניק? — הייסט, אויסגעבען געבען זיי זיך דאך נישט אויס, נאר מען האט געזעהן בחוש ממש, אז דאס איז ער. „נאדיל, דער תהלים־זאגער" — האט מען איהם נערופען. שטעלט זיך פאר: נעקומען אין שטעדטיל אריין פאר א פאר יאהר, א יונג, א פראסטער נפש, א מגושם'דיג פנים, א פאר קליינע. פערלאפענע אויגען, א נראבע נאז און גראבע ליפען, און אז ער רעדט, איז ווי ער וואלט מיט די צייהן ברעטער געשניטען; אבער ער רעדט ווענינ, גלאצט נאר אויף אלע מיט די קליינע אויגען; טוט אן אויף די פלייצעס א פאר „טשאנגעס" און טראגט וואסער. גאר צווישען איינמאל טראגען און דעם אנדערען מאל, כאפט ער זיך אריין אין בית המדרש און זאגען זאגט ער הויך, „תהלים" מיט זיין גראבען חיתוך הדבור, ווי ער וואלט קלעצער פון מויל אויסגעשפיגען:

— למ־נ־צח מז־מור לד־וד.

און שלאפען — אין בית־המדרש הינטער'ן אויווען, ביי עמיצען — בשום אופן נישט. נעהמען א קישען — אויך נישט, ר'דארף נישט, געהט ארום קריעה־בליה. נא די א מלבוש — ניין. קוקט מען זיך נאר צו — א זאק אויפ'ן לייב, גאדיל — א העמדר! — בייזערט ער זיך שוין מיט די גראבע ליפען: „כ'דארף נישט, עולם הזה..."

און עסען? — מען זעהט דאס אויך נישט, נאר מן הסתם, פון וואס דען לעבט ער, און אפשר א יושב בתענית?...

און יעדען טאג אין דער פריה אין דער מקוה, ארבעים טבילוה, הייס, קאלט — תמיד. ער פערפעהלט נישט.

שטויסט מען זיך אן...

טרעפט. דער גביר פון שטעדטיל, ר' ישראל ליב, איז נעפעהרליך אוועקגע־ פאלען, די דאקטוירים פון שטעדטיל ווילען שוין נישט נעהן און ציהען מיט די פ־יי־ צעס. שוין א פראפעסאר פון בערלין אויך געבראכט, א הון אבנעקאסט, נאר אויך

יענער האט געשאקעלט מיט'ן קאפּ: „ניכטס צו מאכען!” מיאוש הייסט עס.

לויפען פרוי און קינדער בײ נאַכט אין בית=המדרש אריין, מ'עפענט דעם ארון=קודש, און געוויינען און געשרייען—עד לב השמים.

הערט מע פּלוצלינג אקיל:

— געהט א היים, גאט וועט העלפען! — קוקט מען זיך אום — גאדיל ?!...

עפּעס איז עס גאדיל און ס'איז נישט גאדיל... ס'איז גאדיל, נאר גאר נישט דער איינענער, דאס פּנים לייכט כפּני החמה, גאר נישט אריינצוקוקען דערין, א דמות לויטער רוחניות און ער שאקעלט זיך איבער אַ ספר.

טוט איינער נייגעריג שוין אַ קוק—„א זהר”, און שפּרינגט אב.

וויינען די ווייבער ווייטער. שרייט גאדיל:

— גאדיל זאגט, ר'וועט נאך לעבען און קינדער אויסגעבען.

געהט מען אַ היים, איז ווי מען דרעהט איבער די האנד—די נאכט שוין רוהיג געשלאפען, אין דער פריה—זיך אויפגעזעצט און געבעטען עסען, און נאך צוויי וואָכען—ס'בעט פערלאזען.

שטוינען די דאקטוירים, זאגט מען זיי: גאדיל, לאכען זיי.

דאס שטעדטיל אבער האט פאר איהם דרך=ארץ. ווייבער ריפען איהם אריין צו בענשען די קינדער. נאר גאדיל וויל נישט:

— וואס, איך? ב'בין נישט רבי.

די צייט לויפט—פערגעסט מען.

מאכט זיך ווידער א מעשה. א מסור זיך בעוויזען אין שטעדטיל. א יוד גאר א טרפניאַק, פּאַן=בראַט מיט נאַטשאַלסטוואָ, עסט מיט זיי און טרינקט מיט זיי, חזיר, יין=נסך און מסר'ט אב דערבײַ דאס גאנצע שטעדטיל. נעהמט מען הײַנט איינעם תפוס, מארגען—א צווייטען, די שענסטע בעלי=הבתים, איז א טרויער אין שטעדטיל, נאר דער מסור שפּאצירט זיך מיט'ן שפּיץ=רוט=שטעקעלע און לאַכט.

דערצעהלט דאס עמיצער גאדיל'ן, ווערט ער בייז, שטעלט זיך אויף און זאגט:

— יסכר פּי דוברי שקר...

דאס איז געווען אין דער פריה, נאכמיטאג—א קאבעניש, דער מסור איז אוועק=געפאלען, געבאפּט א צונג, דאס מויל, לא=עלינו. געווארען בײַ איהם פערדרעהט. ר'האט אויפגעהערט צו רעדען...

זעהט מען—א מופת פון גאט, דערמאהנט מען זיך: גאדיל, דערצעהלט מען עס דעם רבי. זאגט ער:

— למד=וואניק.

און טוט אַן תיכף דעם פּעלץ און געהט אין בית=המדרש איהם בעטען צו זיך.

נאר גאדיל פערשטעהט נישט:

— וואס איך? פּראסטער מענש, ב'בין נישט רבי!—

לאזט'ן דער רב אב, מן הסתמא זיין דרך. ווייסט מען—א צדיק הדור. א בע=האלטענער. הייסט מען איהם שוין מעהר נישט ברענגען קיין וואסער און, אז ער ברענגט גיט מען איהם: אַ צעהנער, אגילדען ברחבות יד... — — — — — — —

— — — — — — — — — —

האט זיך געמאכט די מלחמה.

תחילת האט דאס שטעדטיל גאנץ שען פערדינט, עסמרייכער זענען דארט אריין און געגעבען צו פערדינען, געקויפט און אלץ בעצאהלט, האבען יודען געהאט פרנסה.

זענען אבער די עסטרייכער אבגעטרעטען און פאניע איז אריין.

דערהערט ס'ווארט: פאניע, איז געווארען תשעה־באב אין שטעדטיל, אנ'אימה אנגעפאלען, טיר און טויער האבען זיך פערהאקט. ווער געשעפט שוין? וואס געשעפט? די וואוינונגען אויך אויף הפקר געלאזען און אליין פערקראכען אויף אבוידעם ערגיץ־וואו, אין א קעלער.

צווישען מנחה און מעריב איז עס געווען. האט מען שוין אין בית־המדרש קיין מעריב נישט געדאווענט, קיין מנין נישט געווען און איינער, אלעצטער, האט זיך דערמאהנט אן גאדיל'ן און איהם געבעטען:

— קומט מיט!

נאר גאדיל, האט געהאלטען אין מיטען תהלים־זאגען און קיים ארויסגערעדט:

— דא איז מיין היים...

וואס יענע נאכט האט זיך אבגעטון!... ממש חורבן ירושלים, די יללות און געוואלדען...— — — — — — — — —

זיי האבען נישט דורכגעלאזט קיין איין הויז, איין בוידעם, איין קעלער; אלטע יודענעס...—מיידלעך און פרויען שוין אבגערעדט... א 82 יעהריגען יוד, ו' דוד, אין זיין שטוב דערשטאכען. די לופט איז נאס געווען פון טרעהרען...

איז דאס אלץ זיי וועניג געווען און אויך אין בית־המדרש אוועק. די תורה שענדרען.

און גאדיל איז 'אונטער'ן אויווען געלעגען, געריכט זיך. האט ער—זיי געזעהן זיי איהם—נישט. ליגט ער און ווארט אב.

לאזען זיי זיך גלייך צו צום ארון הקודש, רייסען די טירלעך אויף און ווילען די ספרים— — —שפרינגט גאדיל אויף, ווי א לייב, און מיט די „טשאנגעס“—געהאט זיי אנגעגרייט—איבער די קעפ געהאקט, איינעם, א צווייטען, א דריטען. די טומאה איז אבער שטארקער, האבען זיי גובר געווען און איהם—די ספרים שוין אבגעלאזט—גיט צומזיק'ט און מיטגעשלעפט.

דער קאמענדאנט האט געמשפט קורץ:

— תליה.

אין מיטען מארק איז אנ'אלטער קאשטען־בוים געשטאנען, האט מען איהם צו איהם אהינגעפיהרט. מ'זאגט, ר'האט עפיס פריהער געזאגט א ווארט, אנדערע ווידער, ר'האט די גאנצע צייט געשוויגען, מ'ווייסט נישט.

אין דער פריה איז דאס שטעדטיל ווי משוגע געווען, מ'האט גוזר תענית געווען, געפועלט אויך און איהם אבגעשניטען און א לויה איז געווען... אך, מ'קאן גאר נישט דערצעהלען, די טרעהרען שטיקען...— — — — —

— — — — — — — — — — — —

איז אבער פאניע'ס סוף אויך געקומען און ער האט געמוזט פון דארט אבטרעטען, ס'איז אבער נישט אזוי לייכט געשעהן. פינף וואכען האט מען זיך דארט

געקלאַפּט און דערוויַיל איז פון שטעדטיל אתל געוואָרען, קיַין שריד ופלט נישט געבליבען, קיין הויז, קיין בוידע, קיין דאַך, קיין וואַנד, קיין האָלץ אפילו נישט געבליבען, יתר הגזם אכל הארבה ויתר הארבה אכל הירק; וואס די גראַנאַטען האבען נישט חרוב געמאכט, איז פערברענט געוואָרען, און וואס ס'איז נישט פערברענט געוואָרען איז צושלעפּט געוואָרען...

נאָר דער בוים איז געבליבען, דער תליה=בוים. הייזער דערנעבען זענען געפאַלען און ער שטעהט, אבער קאַשטאַנעס האט ער שוין מעהר נישט, קיין גרין בלעטעל אפילו נישט, דעם זומער האט ער שוין מעהר נישט געבליהט...

נאָר געבליבען איז ער, און מיט די לעדיגע גרויסע האַלצערנע צווייגען, פער-פערשפרייט אין דער וועלט אריין, שטעהט ער אין מיטען דער חורבה, ווי ד'וואלט געשטאַנען פאַר'ן בית=דין של מעלה און עדות געזאָגט...

און עדות זאָגען וועט ער, אַ יום=הדין וועט זיין, דער משחית וועט שטעהן לדין און דער הענג=לייכטער און דער בוים וועלען עדות זאָגען... זיי וועלען אזוי לאַנג נאָך בלייבען און קיין שום שטורם אין דער וועלט וועט זיי נישט פון אָרט ריהרען, ביז דער יום=הדין וועט קומען...

אין יענער נאכט.

I.

די קעלער-נאכט.

פארהאן ווערטער, בליקען און איינדריקען וואס מען קען זיי קיינמאל נישט פערגעסען.

און קיינמאל, קיינמאל יועל איך אויך דאס יונגעלע נישט פערגעסען, דאס יונגעלע פון א יאהר צוועלף מיט די גרויסע טיף-שווארצע אויגען ווי צוויי שווארצע ראָבען און מיט די געלאקטע פאה'לעך, וועלכער האט זיך תחילת צו דער מוטער געטוליעט, נאָר שפעטער האט ער זיך אוועקגעשטעלט און גענומען פון דער קעלער-נאכט דערצעהלען אין דער טאָן דער האט וואס א מאל העכער און דרייסטער אבגעקלונגען און ויאס א מאל זענען אלץ גרעסער און טיפער זיינע אויגען-מחשבים געווארען...

און קיינמאל, קיינמאל וועל איך אויך נישט פערגעסען זיין נאאיווע פראגע, וועלכע איז אבער מיט אזוי פיל יונג בלוט געווען:

— צי דערצו זענען מיר אנ'אויסדערוועהלט פאלק?

* * *

— דערצעהל קינד, דערצעהל — האט די מוטער א יורענע אין א הייבעל איהם מוט צוגעגעבען—דרייסטער.

און ער האט אנגעהויבען:

— שוין פון ביימאג אן האט א טרייעריגקייט צווישען הימעל און ערד געהאנגען... מען האט געפיהלט בחוש, אז א שיוערע כמארע דערנעהנטערט זיך... עטליכע טעג נאכאנאנד איז מען שוין ארומגעגאנגען מיט א שרעק אין הארצען „זיי קומען!" נאר היינט איז די שרעק געווען אונגעהויער... ניין, נישט שרעק איז עס שוין נעווען נאר נידערגעשלאגענקייט, מען האט מיט קיין האנד נישט געקאנט ריהרען... אין קאפ זענען אלערליי רעיונות ארומגעקראכען און אזעלכע שווערע, מאטערענדע.

נאר נאכמיטאג, איז דער זיידע אהיים געקומען מיט א פערזארגט פנים און געבראכען זיך די הענד:

זיי קומען, אוי, זיי קומען, הלואי זאלען זיי נישט דערלעבען צו קומען! זיי וועלען א ודאי אייך מאכען וואס זיי האבען געמאכט פון אלע ארומיגע שטעדטלעך.

— זיי קומען, זיי קומען, וועה איז מיר! ביטער איז מיר!...

האבען מיר זיך, אלע קינדער, געטוליעט צו דער מאמען, און די מאמע מיט אונז צום זיידען און אלע האבען מיר איהם געקוקט אין די אויגען אריין און שטים געפרעגט:

— וואס טוט מען? — — —

אין אראבגעלאזט האבען זיך דעם זיידע'ס דאַרע הענד איבער אונזערע קעפ און אונז געגלעט, און אלע זענען מיר אין א טיפען שווייַגען פערזונקען...

נאך פאר'ן־נאכט איז שרה־חיה די שכנ'טע אריינגעלאפען צו אונז מיט א געוואלד:

— זיי זענען שוין דא, אויף די לאָנקעס ראַבירען זיי שוין, משה־אליה'ן האט מען דעם קאפ געעפענט, א קינד האבען זיי פון צווייטען שטאָק אראבגעווארפען, וואו טוט מען זיך אהין? —

איז דער זיידע עטליכע מאָל איבער דער שטוב הין און צוריק געלאפען, דאן ער זיך אבגעשטעלט, פערלייגט די הענד און געזאגט:

— עס איז קיין אנדערע ברירה נישטא קינדער! אין קעלער אריין! אלע אין קעלער אריין! אבער שטיל, אהן רעש.

האט דער זיידע באלד דעם קעלער געעפענט און איז דער ערשטער אליין אראב מיט א ליכט א ביסעל ארדנונג מאכען, דאן אראבגעפיהרט די מאמע מיט אונז אלע קינדער, די שכנ'טע מיט איהרע צוויי דערוואַקסענע מיידלעך, דערנאך האט ער דאס ברויט וואס האט זיך אין שטוב געפונען מיט אראבגענומען און די טיר פון קעלער אונטער זיך פערמאַכט.

אין חשכות פון קעלער זענען מיר געלעגען יעדערער צוגע מידט צו זיין אָרט, עפיס ווי מורא האבענדיג פון אָרט זיך צוריהרען, און געהיטען זיך א הייך וואָרט ארויסצורעדען—א קרעכץ צו טון... מרים'ל, דאס קליינע קינד האט געוויינט, האט עס די מאַמע כסדר די ברוסט אין מיילכעל אריינגעשטופט, עס זאל שווייַגען.

ליגען מיר אזוי און ליגען, עס ציהען זיך די שעה'ן אזוי לאנג און אזוי אהן סוף... שעה'ן זאג איך, ווער ווייסט ווי לאַנג עס האט געדויערט מיר האבען אין קעלער איבערהויפט נישט געוואוסט ווי שפעט ס'איז, האבען מיר אזוי געדרימעלט ווי מען הערט פלוצים קולות און געוואָלדען, פערשטעהט מען, אַז זיי זענען שוין נאהענט, שוין אויפ'ן הויף, ציטערט מען אלע אויף און מען טראכט נאך פון וואַנען די געוואַלדען קומען, באַלד הערט מען ווי א מיידעל שרייט, אז דער הויף קעהרט זיך איבער, די מאַמע האָרכט זיך צו און זאגט, אַז זי דערקענט דאס קול, דאס איז חנה'לע משה יוסף'ס טאָכטער. ווער ווייס וואס עס געשעהט דאָרטען? — —

און באַלד הערט מען אַ טאָפּעריי פון סאָלדאַטען פיס אין אונזער וואָהנונג, די אברים האבען אונז גענומען אבשטאַרבען פון שרעק, און אין קאָפּ איז דער מאַרך אזוי ווי פערגלייווערט געוואָרען, נאר דער זיידע רופט צו אונז פאמעלעך: שטיל, שטיל!

און אָט האט מען דעם קעלער אריס־אויף געטון, און א ווילדער קאָזאַק האט א שוועבעלע אנגעצינדען און זיין מגושם'דיגען קאפ צו אונז אַריינגעשטעקט און מיט פרייד אויסגעשריגען:

— וואָט יעסט!

— [illegible]וסי!

— טאַק טאָטשנאַ.

און מיט די פריקלאַדען אַלעמען קלעפּ געטיילט און באַלד די שכנה'טעס מיידעלעך ביי די צעפּ גענומען רייַסען, און ווען יענע האבען פון צער אין שרעק אזוי ביטער געשריגען, אז עס האט זיך געדוכטען, דאס דער גאנצער הויז טרייסעלט זיך,

האב איך מיך צו א סאלדאט צוגערוקט און איהם געבעטען זײַ אבצולאזען, באלד האב איך א פריקלאד איבער׳ן קאפּ בעקומען, פאַר די אויגען זענען מיר איצט אזױנע שװארצע רעדער געלאפען, און װאס א מאל איז פאר מיר אלץ פינסטער און פינ־סטערער געװארען — —

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

װען כ׳בין אויפגעקומען האב איך מיך געפונען ליגען אין קעלער אײנער אלײן, קײנער איז אין קעלער נישט געװען, קײנער, איך האב מיך קוים מיט־אלע כחות פון קעלער ארויסגעדראפעט, אבער אויך אין דער װאהנונג האב איך קײנעם נישט געטראפען. דער היגטערשטער טײל פון קאפּ האט מיר װאס אמאל מעהר װעה געטון, איך האב צוגעריהרט די האנד—בלוט, דער גאנצער היגטערשטער טײל קאפּ איז פערבלוטיגט און אויך דאס פּנים איז מיט בלוט פערשמיהט.

װאו זענען אבער אלע? איך געה ארויס. אויפ׳ן הויף, קײנער נישטא, קײנער אויף דער גאס—מען זעהט אויך קײן שום יוד נישט. א צוהיצטער זעלנער קלאפּט מיט די שװערע שטיװעל איבער׳ן טראטואר און לויפט.

װאו זענען אלע? װאו זענען די יודען?

און מיר פאלט אײַן:

— מען האט אלע יודען אויסגעהרג׳עט, און אײנער אלײן בין איך איבער־געבליבען.

אײן קלײנער יוד אויף דער גאנצער װעלט.

תּחילת איז מיר געװארען אזוי ענג אויפ׳ן הארצען; אײנער אלײן זײַן אין א װעלט פון שׂונאים. װי װעל איך דאס אריבערטראגען?

נאר באלד האב איך א שטאלצקײַט דערפּיהלט אין מיר: איך בין דער לעצטער יוד, אײן יוד אויף דער גאנצער װעלט!

און דערפיהלט האב איך אין מיר א שטארקײַט צו געהען צו די רשעים, צו די מערדער פון מײַן פאלק און זײ מײַן װארט צו זאגען, און אװעק בין איך אויפ׳ן װעג צו די קאזארמעס און א װארט פון בלוט און גיפט האט זיך געגדייט אויף מײַנע ליפּען.

נאר באלד איז א געדאנק מיר דורך אין קאפּ:

— און װאס װעט זײַן, אז זײ װעלען אויך מיך, דעם לעצטען יוד אומ־ברײַנגען?

און מיר איז אזוי באנג געװארען אויפ׳ן יודישען פאלק װאס זאל אבגעמעקט װערען פון דער װעלט און פון מיטען װעג האב איך צוריקגעקעהרט און מיר אלײן געזאגט;

— איך מוז אבהיטען דעם לעצטען יוד, זאל בלײַבען א שריד ופליט פון יודי־שען פאלק! און אפשר װעט מײַן אויפגאבע זײַן א גײַ פאלק צו געבוירען, א נײַער אברהם צו זײַן!

און מיט די געדאנקען בין איך צוריק ביז א היים װאו כ׳בין קוים אין שטוב ארײַנגעקומען און זיך אויף א בעט געלעגט און באלד אײַנגעשלאפען און אזוי שװער געשלאפען. — — —

ווען כ'בין דערנאָך, ווידער אויפגעקומען בין איך אין בעט געלעגען, דעם קאָפּ געבינדען. און די מאַמע איז געבען מיר פערזאָרגט געזעסען.

וואָס עס איז אין דער צווישען צייט געווען—ווייס איך נישט, נאר אויפ'ן הארצען איז מיר זייט דעמאלט אזוי שווער, א קשיא ארט מיך, וואס מאטערט מיך זעהר, אפשר קאנט איהר מיר עס זאגען:

— צי דערצו זענען מיר יודען אַנ'אויסדערוועלט פאָלק? — — — —

II.

פון צער און וועה.

אין א שטעדטילע אין פוילען, ווייט פון וועג און שטעג, האָט אַ גרייז געלעבט, ר' משה בינם'ס האָט מען איהם גערופען. דאס איז אַ הויכער שלאַנקער יוד געווען, א שריד נאָך פון יענער צייט פון די יודען=טאָפּאָלען, וועלכע זענען טיף אין דר'ערד איינגעוואורצעלט געוועזן און ווייט האכען זיי זייערע צווייגען פערשפּרייט, א יוד א למדן און דער גביר פונ'ם שטעדטיל. שטענדיג וואַלד=מסחרים געפיהרט, א פּאר הונדערט מאָרגעס לאַנד געהאַט, אמאָל גאָר אנ'אדיר געווען.

נאָר אַלט איז שוין געווען דער יוד, און געקומען איז ער אין די טעג, דען נאָך אין עטליכע וואָכען אַרום וואָלט איהם דאָס 86=טע לעבענס-יאהר פול געוואָרען, און שניי ווייס איז זיין קאָפּ, כאָרד און פאות געווען, און ווי זילבערנע שאַטקעס האָבען די גרויסע ברעמען איבער די אויגען געהאָנגען. נאָר דאָך גענוג קרעפטיג און דריי מאָל אין טאָג צו תפלה בצבור אין שוהל געגאַנגען, קיין איין מאָל נישט פערפעהלט.

האָט דער יוד פיל כבוד און נחת געגאָסען, דען ער האט אַ דור אויפגעשטעלט א האַלב שטעדטיל איז פון זיינע געווען און ארומגערינגעלט האבען איהם קינדער, איינִיקלעך אור=איינִיקלעך און אור=אור=איינִיקלעך און אלע האָבען מיט אַ בעזונדער פּאַרעל אין די אויגען צו זייער שורש=זיידע געקוקט...

וואונדער שען, היילִיג און נשמה=ריין האָט דער גרייז זיין לעבען דורכגעפיהרט, שטענדיג אויפ'ן וואָרט געהאַנדעלט. און דאָס וואָרט איז אַ געוואויגען רענדל געווען, קיין מאָל קיינעם נישט בעטריגען, קיין ליגען געזאָגט, א שבועה פאר כל הון דעלמא נישט, יעדעס וואָרט—אָבגעוואויגען, און צדקה מיט א ברייטע האנד, איבערהויפּט מתן בסתר.

ווינטער-צייט פלעגט ער גאַנץ פריה אויפשטעהן, ווען אין דרויסען איז נאך פינסטער געווען, אין שפּייכלער אַראָבגעהן, נעהמען א פוד האלץ א מאל נאך מעהר, אליין אויף די פלייצעס, און ערגיץ הינטער א טיר פון אנ'ארימאַן אוועקטראָגען.

ביי טאג ווידער, פלעגט ער, צווישען די כבודע ארימע מענשען ארומקריכען, יעדען די האנד מיט א בעזונדער שמחה געגעבען, און דערביי עטליכע קערבליך אריינגעריקט, און שטענדיג לעבעדיג און פרעהליך, נישט געדאגה'ט, גאט האט געהאָלפען און וועט העלפען, ער איז דאך אונזער פאטער.

וואונדער שען האט דער יוד זיין לעבען דורכגעפיהרט און וואונדער שען איז אויך זיין טויט געווען.

מען דערצעהלט אַזוי:

דער טאג, ווען פאניע איז אריין אין שטעדטיל, איז פרייטאג געווען. עס איז געווען נאכמיטאג, קיין לויזונג איז שוין סיי ווי סיי נישט געווען, און פאר די יונגע האט מען אימת מות געציטערט, האבען יודען פערמאכט די געוועלבער אין געגנ... מען מקדיש שבת זיין. אין אנהויב איז עפעס שטיל געווען, אבער מיט שקיעת החמה האט זיך א שטורם אויפגעהויבען. דער קאמענדאנט האט בעפוילען: אלע יודען זאלען די געוועלבער עפענען, ווען נישט, וועט ער דאס גאנצע שטעדטיל עוקר מן השורש זיין, און באלד אויך ארויסגעשיקט זיינע מלאכי חבלה, צו עפענען די געוועלבער.

האט זיך געמאכט ס׳חורבן, דעם פרייטאג-צונאַכט וועלען די יודען פון יענעם שטעדטיל נישט אזוי גיך פערגעסען, מען האט ראבירט, געשענדעט, געשלאגען מכות רצח און א פחד איז אויף אלע אנגעפאלען, און ווער עס האט נאר געקאנט האט זיך אין די בוידעמס און קעלערס פערשטעקט.

געהערט, אז עס מאכט זיך אזוי שלעכט, איז א האלב שטעדטיל צו זייער זיידע געלאפען, איהם בעהאלטען און ווי אנ׳אוצר אבהי ען.

נאר ר׳ משה דער גרייז, האט זיי נישט געוואלט הערען. ער האט צו זיך גאר נישט געלאזט רעדען:

— וואס איך אויף בוידעם?... ניין, דאָ וואוינט ר׳ משה! ווער עס האט עפּיס צו מיר זאל קומען אהער, הרג׳ענען מיך — אויך דאָ אהער! אויף א בוידעם—נישט! פע, דאס טו איך נישט. איך בין צו שטאלץ! דאס נישט; בעהאלט איהר זיך קינדערלעך! וועגען מיר קימערט זיך נישט. געהט, געהט!

און עס האט נישט געהאלפען קיין טענות און רייד, אלע האבען געמוזט אוועקגעהן, איבערלאזענדיג זייער עהרען-זיידע און מיט טרעהרען אין די אויגען זיך אבגעזעגענט מיט איהם...

נאר ווען די קינדער זענען אוועק און ר׳ משה איז אליין אין דער שטוב געבליבען, האט ער זיינע הענד צום הימעל פערשפרייט און געבעטען האט ער צו גאָט:

— גרויסער בעשעפער, איך האב דיין חסד שוין 16 יאהר גענאסען, שוין 16 אומזיסטע יאהר האסטו מיר געשאנקען, גרויס איז מיין דאנק און שבח צו דיר, בורא, אוי מיינע ליפען, איצט וויל איך אבער די מתנה נישט. כ׳וויל נישט מעהר לעבען אויף דער וועלט. איך קאן נישט, גאט, איך קאן נישט צוזעהען ווי מען ברענגט אום מיין פאלק, איך קאן נישט! מיינע אויגען קריכען מיר ארויס פון צער און וועה, מיין הארץ צושפרינגט אין מיר... גאט נעהם צו פון מיר די נשמה וואס דו האסט געגעבען מיר!...

און ער האט זיך אויסגעטון, און אין בעט אריין געלעגט, ודוי אבגעזאגט, און ביי „אשמנו“, „בגדנו“ זיך מיט דער דארער האנד אויפ׳ן הארצען געקלאפט, דער-

נאָך האָט ער זיך צו דער וואַנד איסגעדרעהט, די אויגען פערמאַכט און זיין כשר'ה נשמה אויסגעהויכט...

— — — — — — — — — —

אין דער פריה, ווען מען איז בגנבה פון ביידעם אַראָבגעקראָכען, האָבען די קינדער, זייער זיידע געפינען ליגען אין בעט א טויטען...

III.

„דו געהסט צו גאָט מיין קינד".

אין דער שוואַרץ - פינסטערניש, אימת־מות פון דער נאַכט, אַ פער־צווייפעלטע, צוויישען די שטיל־טרויריגע געוויינען, וואָס הערען זיך פון די ביידעמס אין קעלערס איבער די בלאָטעס פון שטעדטיל, לויפט אַ פרוי און איהרע ליפען שעפּטשען עפּיס... באַלד שטעלט זי זיך אָב, דערזעהט אַ טיר און געהט גלייך אַ וואָך שטייסט זי אָב, נאָר זי געהט ווייטער, שרייט, ראַנגעלט זיך ביז זי פערשוואונדעט...

א פּאָר ווערטער האָט זי אויף איהרע ליפּען, א פּאָר ווערטער צו דער געט־ליכקייט, צו דער איבערשטער גערעכטיגקייט...

צו דער פון אויף דער ערד ווענדעט זי זיך שיין מעהר גישט, זי ווייס, אז עס איז פערפאַלען. דער ביטערער גזר איבער איהר זוהן איז שוין בעשלאָסען; עס געהט נישט צו ענדערן.

נאָר א פּאָר ווערטער וויל זי איהם פריהער זאָגען, איהר זוהן, די לעצטע ווערטער צו איהר קינד און אפשר אויך איהרע לעצטע ווערטער...

אונשולדיג און נשמה־ריין ליגט דאָס שטעדטיל, אויפ'ן טראַקט פון ברזשעזשין. אין צער און אין דחקות, כשר און אָבגעהיטען האָבען אויך די יודען, אין אנהויב קריגס־צייט געלעבט און געהאָפט צו דעם טאָג שוין ווען דער בלוט־מבול וועט אויפהערען...

אהן פגימה, ווי די כרובי־מעלה זענען אויך די בחורים אין בית־המדרש איי־בער די ספרים געזעסען און געבריהמט איבער די טויזענד־יעהריגע מימרות, ווען פלוצים האָט דער אומקעהר פון די רוסען, זיי פון דער הלומות-וועלט ארויסגעריסען און נאַגייקעס האָבען די לופט דורכגעשניטען און געפּיפען...

איז עס א בייזער גזר פון הימעל געווען? אָדער די שליטה פון משחית האָט מעהר קיין גרעניץ געוואוסט? אדער די בני-השטן האָבען פאַראויס פאַר'ן ווייסטען חיל געטאַנצט? — ווער ווייס? ווער ווייס? — דעם ערשטען שונא האָט מען אין בית המדרש געפונען, א בחור פון 19 יאהר.

דאָס איז געווען אין מוצאי שבת, ווען אין דער זיידענער יוביצע און אין גאַרטעל, און דאָס פנים צופלאַמט און פערבענקט אויפ'ן אוועקגעהן פון שבת־קודש האָט דער בחור מלך פאַר זיין מוטער די אלמנה און פאַר די איבריגע פון הויז הבדלה געמאַכט, און ווייך־זיס האָט זיין קול אָבגעקלינגען:

— המבדיל בין קודש לחול.. בין ישראל לעמים...

מען האט אין דער טיר אנגעקלאפט, א בעקאנטער פויער איז אריינגעקומען און געזאגט, אז מען רופט איהם צום קאמענדאנט.

דער וועג איז אבער צום קריגס־געריכט געווען. די אכזרים זענען שוין צו משפט געזעסען. דער זעלבער האט אויך עדות געזאגט. וואס געזאגט? וואס געפרעגט? — גישט געוואוסט האט עס דער בחור, נישט געוואוסט אפילו, אז מען האט איהם צו דער תליה פעראורטיילט...

נאר ווען דער טיורמע־וועכטער האט איהם געזאגט, אז באלד פריה וועט אי־בער איהם דער טויט־אורטייל אויסגעפיהרט ווערען און איבער איהם דערביי, מיט שפאט, א שלייף אויפ׳ן האלז געוויזען, האט דער בחור מיט זיין גאנצער אומשולד אויסגעשריגען:

— פארוואס?

האט מען דאס קול איבער דער גאנצער טיורמע געהערט, אויך ביים וועכטער האט זיך צום ערשטען מאל עפיס א ריהר בייס הארצען געטון און געבליבען איז ער שטעהן שטיל פערטראכט און געצויגען מיט די פלייצעס.

נאר יוען דער וועכטער האט איהם צוגעווארפען א מילדען בליק און געוואלט אוועקגעהן האט ער איהם איבערגעפרעגט.

— נישט צו ענדערן? —

— ניין! — האט יענער געשאקעלט מיט׳ן קאפ.

דער בחור האט איצט געפיהלט ווי דאס בלוט איז אין די ביינער פערגלי־ווערט געווארען און איטאמאטיש זיך אנידערגעזעצט אויף דער ערד און געזאגט:

— צו דער תליה זאל מען מיך פיהרען אין א זאק; כ׳וויל זיך אויך פריהער געזעגענען מיט מיין מוטער.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

אין טיפען פייכטען נעבעל, אין דער גרויקייט פון מארגען לויפט די מוטער פון צוויי סאלדאטען בעגלייט צו יענעם ארט.

צוואנציג שריט פריהער האט מען זי אבגעשטעלט. ׳דעם זוהן איז זאק צוגע־פיהרט. זי האט אויף איהם א קוק געטון. נישט געוויינט, נישט געקלאגט. די אויגען נאר צום הימעל אויפגעהויבען, געקושט איהר זוהן דורכ׳ן זאק און געזאגט:

— געהסט צו גאט מיין קינד, געה ווי א היילינגער יוד, געה שטאלץ, זוהן פון די אבות, דו קינד פון אזוי פיל קדושים, געה אין ליכטיגען גן־עדן, וואו א גין־גאלד שטוהל איז אנגעגרייט פאר דיר, און זאל כאטש דיין מאמע זוכה זיין, צו זיין דיין פיסען־בענקעלע, מיין קינד.

און געהסט צו גאט, געה אין זאק מיין קינד, דו זאלסט איהם נישט אויסטון פון דיין קאפ, שטאלץ זיי אויף איהם. טיר און טויער וועט זיך פאר דיר עפענען און דו געה גלייך און פרעג נישט ביי קיינעם און ווען דו וועסט קומען ביז פאר׳ן

כסא־הכבוד, וואו די ליכטיגקייט וועט דיר, דורכ'ן זאק, די אייגען פערבלענדען, זאלסט פאַר גאט אזוי טענה'ן:

— פארוואס, גאט? פארוואס? פארוואס בין איך אזוי יונג און אונשולדיג געגאנגען פון דער וועלט? פאַר וואס האב איך מיין חופה נישט דערלעבט? מיין יוגענד איז אין בית־המדרש פערשוואונדען, וואו איך האב דיין תורה, גאט געלערנט. אין מיינע בליהונגס־יאהרען האב איך צו א שטיקעל ברויט געגארט און דיינע געזעצען דאך אבגעהיטען, און פארוואס גאט? פארוואס? — -- — —

און פאר וואס קומט עס מיין מוטער, דו שופט כל הארץ? זי האט א זוהן פאר דיר אויפגעצויגען, צו דיין עבודה איבערגעגעבען. א כהן לה'. פארוואס קומט דער אלטער מוטער דעם עונש? פאַר וואס זאל זי נאך מיר אונשולדיג אין טרויער געהן אין גרוב?

און רעדען זאלסטו מיין קינד מיט שטאלץ און מיט מוט, און הויך זאלסטו רעדען איבער אלע הימלען זאל דיין קול געהן. און זאגען זאלסטו אלץ, א ווארט נישט פערפעהלען, דען דו ביסט דער גערעכטער און אויבען איז דער עולם האמת און אלע וועלען זיין מיט דיר. אזוי הייס איך דיך, מיין קינד!

און ווי לאנג דו וועסט קיין ענטפער נישט האבען, זאלסטו אין זאק איבער אלע עולמות וואנדערן און די מלאכים—די שירה פערשטערען; דאס געזאנג פון דער זון ביי איהר אויפגאנג אינטערברעכען, אין א טרויער און א צער זאלסטו אריינטראגען אין אלע וועלטען. איך הייס דיך מיין קינד!—

און די אבות און די אמהות זאלסטו קיין רוה נישט געבען, און אין ליכטיגען גן-עדן—די צדיקים; דו זאלסט אויף קיין ארט נישט איינזיצען, ביז דו וועסט אן ענטפער האבען.

איך דיין מוטער זאג עס דיר אזוי מיין קינד. און גוזר בין איך אויף דיר בגזרת כבוד אם, דו זאלסט מיין פערלאנג ערפילען; זאלען דיינע ביינער אין קבר קיין רוה נישט געפונען, אויב דו וועסט דיך פאר עפעס דערשרעקען און אויב די וועסט אזוי נישט טון... געה און פרעג, געה און שריי, דען דו ביזט דער גערעכטער.

געה מיין קינד, שטאלץ און הייליג. געה, זוהן פון קדושים, איך קוש דיין זאק מיט עהרפורכט, קדוש! — — — —

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

צוריקגעגאנגען איז שוין די מוטער אליין א פרעהליכע און געטאנצט האט זי איבער די גאסען:

— איך פליה... איך בין א מלאך... די גאנצע וועלט טאנצט... מיין זוהן טאנצט צווישען מלאכים... איך פליה... דער קאפ פליהט בעזונדער... די הענד בעזונדער... די פיס בעזונדער... קדוש, קדוש, קדוש!... — — — — — —

VI.

דורך דער בראנד.

צווישען די טרויעריגע גרוסען, וואס זענען אין יענער צייט אנגעקומען איז אויך דאס געווען:

מען האט דערצעהלט אזוי:

אינ'ם שטעדטיל ב. איז א זקן געווען, ר' שלמה האט ער געהייסען, אנ'ארם חשוב און מוסמך להוראה, איז זיין דרך געווען גאנצע נעכט אין בית-המדרש צו זי-צען און לערנען, ביי טאג האט ער אין דער היים געלערנט, נאר ביינאכט אין בית המדרש, פרוי און קינדער נישט צושטערען.

ווען עס האט זיך געמאכט מלחמה, האט מען צו איהם געזאגט:

— ר' שלמה, אפשר איז א סכנה צו זיצען אין בית המדרש אליין ביי נאכט.

קוקט ער אלע אן פערחדושט:

— ס'טייטש און בטול תורה? און אז מלחמה וואס איז?

און לערנט ווייטער. ש"ס שוין איינענטליך איינמאל דורכגעמאכט, איצט חזרט ער איבער. שטעהט דאך אזוי „והגית בו ביום ובלילה".

נאר איינמאל ביי נאכט האט ער פלוצים ביי זיך צוויי יונים דערזעהן מיט א פראגע אויף די ליפען:

— הע?

זאגט ער צו זיי: כ'לערן; א יוד א תמים געווען.

נעהמען זיי שוין איהם אן ביי די פאות און זאגען: קום!

ווייס ער נישט וואס זיי זאגען און בלייבט שטעהן.

געבען זיי איהם דאן א שטיים, פאלט ער צו דר'ערד, קוים זיך אויפגעהויבען, די גמרא פערמאכט, א קוש געטון און אוועק מיט זיי.

וואו געפיהרט איהם? — צום קאמענדאנט, יענער איז א געוואלטינער שונא ישראל געווען, שרייט ער אוים:

— דו מאוס'ער זשיד, ביזט מתפלל פאר די דייטשען.

און קיין פערענטפערונג. באלד דעם פסק: לויפען דורך א בראנד, 25 שמיץ.

טוען זיי איהם אויס תיכף אדם-נאקעט, צוויי שורות קאזאקען מיט רויט-צוהיצטע און צוברידערע פנימער. שטעהט שוין גרייט, און ער איז דורך זיי הין און צוריק געלאפען.

דערצעהלט מען: די גאנצע צייט האט דאס קאפעל אויפ'ן קאפ געהיטען, א חוץ מזה מיט די הענד די ערוה פערדעקט, און וויפיל די קאזאקען האבען איהם נישט מיט כיון איבער די הענד געשמיסען, אלץ זיי נישט אראבגענומען.

דערנאך האבען זיי איהם א פערבלוטיגטען אין א זאק אהיים געטראגען און נאך אין דער זעלבער נאכט האט ער זיין כשר'ה נשמה אויסגעהויכט...